STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03511

BINE-MASKES BAY KATSETLER

H. Perlmuter

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ה. פערלמוטער

*

בינע־מאַסקעס ביי קאַצעטלער

ה. פערלמוטער

Bine maskes bay katsetler; Yidish teater nokhn churbn.

בינע־מאַסקעס ביי קאַצעטלער

יידיש טעאַטער נאָכן חורבן

פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב
תשל"ד — 1974

792.0943
P

H. PERLMUTER

BINE MASKES BEI KACETLER

ה. פערלמוטער / בינע־מאַסקעס ביי קאַצעטלער

פאַרלאַג „המנורה", רח' זנגביל 24, תל־אביב, ישראל
"Hamenora" Publ. House, 24 Zangwill St., Tel-Aviv, Israel

©

אַלע רעכט געזיכערט

Printed in Israel 1974 — נדפס בישראל תשל"ד

דפוס לינו־טור, רח' יסוד־המעלה 39, ת"א

דאָס בוך איז געהייליקט דעם אָנדענק
פון מיין טייערער און תמימותדיקער
פ ע ל י ש י

DEC 23 '74

2-IX-68

תחית המתים

די פרייד אין די ערשטע טעג פון דער באַפרייונג איז געווען גרויס. אויפן האַרץ איז אָבער פאָרט געווען אָנגעזאָלצן. די מערסטע קאַצעטלער זענען געבליבן אָן אַ קרוב, אָן אַ היים און אויף ס׳ניי אָן אַ דאַך. ווו גיין? וואָס טאָן? צו וועמען זיך קערן און ווענדן? דאָס איז געוואָרן די דאגה פון יענע שעהען און טעג. אמת, שוין צוריק געוואָרן פרייע מענטשן, אָבער דאָס דאַזיקע איז נאָך ווייניק אויף צו דערהאַלטן די כוחות פון די אויסגעדאַרטע שוואַכע גופים. די ישועה, אויף וועלכער מען האָט געחלומט אין די פינצטערע קאַצעט-נעכט, געהאָפט און געוואַרט אויף איר אין דער וואָר, האָט זיך כלל נישט באַוויזן. ווו איז די טרייסט, האָט מען זיך געפרעגט, וואָס זאָל איצטער דערמוטיקן און דערפרישן די צעבראָכענע הער־צער פון די היטלער-קרבנות? ווו זענען דאָס ערגעץ די כנפי השכינה, וואָס דאַרפן באַפליגלען די שרידי המבול, פונעם גרעסטן חורבן, וואָס האָט געקענט געשען אויף גאָטס ערד? אויף וואָס וואַרטן זיי, די דאַזיקע אויסטערלישע שאָטן־געשטאַלטן? אַז די וועלט, די טויבשטומע צו יידישע צרות, זאָל באַוואונדערן די מוסטערן פון די דורך טויזנט-פאַכיקע נסים פאַרבליבענע פונעם אַכזריותדיקן אומקום?

קיין ענטפער דערויף איז פון קיינעם נישט געהערט געוואָרן. און ווי אַ בת-קול וואָלט אויסגערופן: „אם אין אני לי מי לי?״ (אויב וועסט זיך נישט אַליין פאַרזאָרגן, ווער

וועט פאַר דיר זאָרגן?) — קינדערלעך, מען דאַרף זיך אַליין נעמען אין די הענט אַריין.

אין יענעם עולם התוהו ווייסט מען אָבער נישט פון וואָס אָנצוהייבן. קודם כל דער מאָגן: ער ווייסט נישט קיין הכמות. פריי זיין איז פאַר אים נאָך נישט אַלץ. ער פאָדערט דאָס זייניקע. אמת טאַקע, די קאַצעטניקעס, וואָס זענען גע־בליבן אין די לאַגערן, באַפּרייטע דורך דער אַמעריקאַנער אַרמיי, זענען דורך זיי באַשפּייזט געוואָרן אַ סך בעסער ווי ביי די נאַצים ימ״ש. דאַקעגן ביי יענע קאַצעטלער, וואָס האָבן מער נישט געוואָלט בלייבן אונטער די פּאַרצוימטע שטעכל־דראָט־פּלויטן און האָבן זיך אויף אַ וועלכן ס׳איז אופן באַמיט אַרויסצוקריגן אויף דער אמתער פרייע וועלט, איז דער ענין געווען אַ האַרבערער. זיי האָבן פּשוט נישט געוווסט וואָס צו טאָן, כדי צו שטילן דעם הונגער. אַ טייל האָבן גענומען זיך צוצושאַרן צו די אַמעריקאַנער מיליטער־איינהייטן אין דער געגנט, ווערן דאָרט באַשעפטיקט ביי עפּעס, כדי אַזוי אַרום באַקומען פון זיי חיונה.

איז אָבער די מעשה, וואָס דער פּלאַן איז געמאַכט געוואָרן אָן דעם בעל־הבית, אָן די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן, הייסט עס, וועלכע האָבן גאָרנישט געהאַט קיין גרויסן חשק דערצו. זיי האָבן אפשר גאָר געמיאוסט זיך צו האָבן ביי זיך באַשעפטיקט די קאַצעטלער אין זייער וואַזשנעם הילוך. מילא, נישט — איז נישט. איז מען ווייטער געגאַנגען זוכן פּרנסה. אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז מען איז צוגעקומען צו איינעם אַן אָרט און געזען, ווי מען טיילט דאָרט מיט אַ פולער האַנט פושקעס מיט אמתן קאָנסערוון־פלייש.

וואָס איז געשען? פון וואַנען איז מען דאָס מיט אַ מאָל

אַזוי באַגליקט געוואָרן, פֿרעגן מיר מיט חידוש? דער תּירוץ איז פּראָסט און פּשוט: דאָס האָבן, זאָגט מען אונדז, קאַצעט־ניקעס אַנטדעקט אַ סקלאַד מיט קאָנסערוון פֿונעם ווערמאַכט־רעזערוו, זיי האָבן אים געעפֿנט און גענומען דערלאַנגען דאָס שלח־מנות. אָבער כּדי איינער זאָל דערפֿון נישט געניסן צו פֿיל און דער אַנדערער גאָרנישט, האָט זיך געשאַפֿן אַן אויפֿזיכט פֿון קאַצעטלער איבער דעם דאָזיקן מאַגאַזין, און ס'איז געוואָרן באַשלאָסן צו טיילן יעדן קאַצעטניק נישט מער ווי פֿינף פּושקעס.

איך מיט מיינע חברים, שליאַמעק און הערשל, די אַחים לצרה, זענען טאַקע באַלד געוואָרן אויך אַחים לחדווה. איינס און צוויי — און אַט באַזיצן מיר שוין אַ קימאַ־לן פֿון פּופּצן אַזוינע כּלים. מיר האָבן פּשוט נישט געגלויבט די אייגענע אויגן: אין איין אויגנבליק געוואָרן אייגנטימער פֿון אַזאַ אוצר. איידער וואָס־ווען, פֿונעם בלויזן איבערלייענען דעם אויפֿשריפֿט אויף די פּושקעס, וואָס אַזוינס עס געפֿינט זיך אין זיי, האָט זיך שוין פֿאַרכלינעט דער האַלדז, און חברה איז שוין גרייט געווען זיי איינשלינגען איינע נאָך די אַנדערע. איין קלייניקייט, אַזוינע מאַכלים ווּעמענס טעם מ'האָט שוין אַזאַ צייט נישט געפּילט. אויסגעהונגערט איז מען געווען, ווי די וועלף, איז גאָר קיין חידוש נישט, וואָס חברה האָבן זיך געוואָלט וואַרפֿן אויף די פּושקעס, ווי די היישעריקן. אַ נס, בפֿירוש אַ גרויסער נס איז דעמאָלט געשען, וואָס מיר איז געלונגען משפּיע צו זיין אויף מיינע חברים און זיי איבער־צייגן, אַז מען מוז איינהאַלטן דעם יצר־הרע, מחמת מען קאָן דערפֿאַר צו טייער באַצאָלן און, חלילה, דערפֿון אומקומען. דווקא דערפֿאַר, וואָס מען האָט אַזאַ לאַנגע צייט נישט טועם

געווען פון אַזוינע מאכלים און דער מאָגן איז פון זיי אָפּגעַ-וווינט, דאַרף מען זיין נאָך מער פּאַרזיכטיק און אָפּגעהיט. איך האָב זיי דערציילט אַ מעשׂה שהיה מיט מיין עלטסטן ברודער שמואל. בעת ער האָט זיך „געמאַרזשעט״, כדי באַ-פרייט צו ווערן פונעם „פּריזיוו״ אין פּוילן, און ער האָט, נאָך עטלעכע וואָכן פון כמעט פאַסטן צוגעכאַפּט זיך צום עסן, האָט ער שיער נישט באַצאָלט דערפאַר מיטן לעבן. מכל-שכן מיר, די כסדרדיקע פאַסטער פון אַזוי פיל יאָרן, ביי וועלכע דער מאָגן איז געוואָרן איינגעשרומפּן, קאָן די סכנה זיין גאָר גרויס.

מילא, די פּאַרציע, וואָס איך האָב דעמאָלט דערפאַר אַריינ-געכאַפּט פון מיינע חברים, איז אַ זאַך פאַר זיך: „משוגע, חסר-דעה! הייבסט שוין ווידער אָן מיט די פּשטלעך? הער נאָר אַ מעשׂה! אַזוינע מעדני מאכלים, און דאָ חלשט מען ממש פאַר הונגער, קומט ער גאָר מיט אָן אויפּטו נישט טועם צו זיין דערפון. דו ווילסט נישט עסן, עס נישט. אָבער וואָס ווילסטו פון אונדז?

בקיצור, איין מאָל און נאָך אַ מאָל, געוואָרנט אַהין און געוואָרנט אַהער, ביז זיי האָבן פאָרט געפאָלגט מיין פּשרה-דיקע עצה. דהיינו, אַריינגיין אין דער ערשטער בעסטער דייטשער שטוב און דאָרט אויפקאָכן אַ פושקע פלייש, מאַכן אַ זופּ אַזאַ, פאַרבראָקן עס מיט דעם ביסל האַדלעך, וואָס מען האָט זיך געהאַט איינגעשאַפט אויפן וועג. וכך הווה, מ׳האָט זיך דערמיט גאָר וואַזשנע פאַסמאַקעוועט. שיינע טעג, אפשר וואָכן, האָט מען די פושקעס געניצט אויף דעם אופן און ס׳איז יאַקאַש אַדורך בשלום.

אַ גרופּע פראַנצויזישע העפטלינגע, זעענדיק אונדז נאָך

אָנגעטאָן אין די לאַגער־טראַנטעס, האָבן גענומען חוזקען פון אונדזער לא יצלחדיקייט, וואָס מיר האָבן נאָך נישט איינ־געשאַפט זיך אַנדערע, מענטשלעכע מלבושים. זיי האָבן אונדז מיטגענומען צום אָרט, ווו זיי האָבן אַנטפּלעקט אַ מאַגאַזין מיט פאַרשידענע סחורות, וואָס די נאַצים האָבן אָנגערויבט אין אַלע לענדער, ווו זיי האָבן געהערשט. דער דאָזיקער מאַ־גאַזין איז איצטער געשטאַנען הפקרדיק אויפגעפּראַלט פאַר געוועזענע לאַגערניקעס, זיי זאָלן פון אים נעמען וואָס נאָר ס'איז זיי נייטיק.

היפּשע אוצרות האָט פאַרמאָגט אָט דער מאַגאַזין. דאָס איז געווען אַן אומגעהויער גרויסער סקלאַד פון אַ פּאָר צענד־ליק קוואַדראַט־מעטער, אין וועלכן ס'זענען געשטאַנען אויס־געסדרט אין רייען, ווי טרומנעס, נייע, גרויסע קאַסטנס, אַלע פון דער זעלביקער מאָס, אָנגעפילטע מיט כל גוטס. יעדער פון זיי איז געווען זאָרגפעליק פאַרפּאַקט מיט שפּאָגל־נייע אַרטיקלען פונעם שענסטן און בעסטן, ווי, למשל, מענער־און דאַמען־מלבושים מכל המינים, שיך, וועש, יילעכער, קאָל־דרעס, און וואָס נישט? געווען אַפילו אַ קאַסטן מיט ציגאַרן און אַ קאַסטן מיט געפּרעסטע טאַבאַק־בלעטער, געלע ווי זאַפרען, וואָס האָבן געשטאַמט פון די אָריענטאַלישע מקומות. ס'האָט אויך נישט געפעלט צום רומל אַ קאַסטן מיט פאַרפומען אין שיינע עסטעטישע שאַכטעלעך און אַ קאַסטן מיט דעלי־קאַטעסן: טיי, קאַפע, סאַרדינען, שפּראָטן וכדומה. און אַלץ, מיט אַ יעקישער אָרדענונג און סדר, איז געווען סאָרטירט מין למינו, ווי אין אַ גרויסער הורטאָווניע.

ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז פון די דאָזיקע יקר המציאותן האָט אַזש גענומען שווינדלען פאַר די אויגן; מען האָט ממש

נישט געוווּסט צו וואָס פריִער זיך צוצוכאַפּן. ווי די היישעריקן האָבן חברה זיך אַ לאָז געטאָן צו די קאַסטנס, זיך געוואָרפן אויף זיי, און גענומען וואָס די אויגן האָבן געזען.

די גרופּע אויפזעער איבער דעם מאַגאַזין, עטלעכע גע־ווזענע לאַגערניקעס, האָבן געזאָרגט דערפאַר, אַז יעדער זאָל נעמען בלויז דאָס נייטיקע פאַר זיך און מיט אַ מאָס; ס׳זאָלן דערפון קאָנען געניסן אויך אַנדערע קאַצעטלער, וואָס וועלן קומען אַהער. אַגב, וואָס איז פאַראַן צו מאַכן זאַפּאַסן, אַז מ׳האָט נאָך דערווייל נישט קיין דירה ווו דאָס אַוועק־צולייגן. ווען די באַפרייטע קאַצעטלער זענען צוגעקומען צו די קאַסטנס מיט די קינדער־זאַכן, האָט דער צער דערפון, וואָס ס׳איז נישטאָ ווער עס זאָל דערפון געניסן, פאַרקלעמטביים האַרצן און פאַריאָגט די פרייד פון האָבן זיך איינגעשאַפט לייטישע מלבושים.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער, ווען ס׳איז שוין געווען אַ שטיקל דאַך איבערן קאָפּ — מ׳האָט זיך יאַקאַש איינקוואַר־טירט אין אַ הויז ביי דייטשן — האָבן חברה זיך צוריק־געקערט צו יענעם מאַגאַזין, כדי זיך איינצושאַפן נאָך אַ ביסל פון די גוטע זאַכן. זיי זענען אָבער צוריקגעקומען מיט ליידיקע הענט: דאָרט זענען שוין געשטאַנען צוויי מ.פּ. (אַמעריקאַנער מיליטער־פּאָליציי), וועלכע האָבן שטרענג באַוואַכט דעם מאַגאַזין און קיינעם מער נישט צוגעלאָזט צו אים. זיי האָבן אויך געוואָרנט זיך נישט צו דערנענטערן צו אים, כדי נישט צו ווערן דורך זיי „באַהאַנדלט״, ווי די גרופּע קאַצעטלער מיט אַ טאָג פריִער. די חברה האָבן זיך פון דאָרט תיכף אָפּגעטראָגן, נישט אַריינצוכאַפן אַ פּסק פון די מ.פּ.־לייט...

די מעשׂה מיט אַט דער „באַהאַנדלונג״ פאַר דער גרופּע קאַצעטלער האָבן מיר זיך דערוווּסט שפּעטער. און געשען איז דאָס אַזוי:

פּונקט ווי מיר, און מסתמא אויך אַ סך אַנדערע לאַגער־ניקעס, האָט אויך יענע גרופּע קאַצעטלער זיך איינקוואַרטירט ביי אַ דייטשער פאַמיליע. זיי האָבן גענאָמען פון יענעם מאַ־גאַזין אפשר אויף אַ ביסל אַ ברייטערן אופן. זיי האָבן אַפילו זיך פאַרגונען צו נעמען פּאַרפומען אויך. פאַר וואָס דען נישט? דאָס איז דאָך אויך באַשאַפן פאַר מענטשן. האָט דער גוטער ריח פון די פּאַרפומען זיך צעטראָגן אין יעדן ווינקעלע פונעם הויז.

זייער בעל־הבית, דער דייטש, איז אין די ערשטע טעג געווען ווייך ווי אַ לעמעלע. ער האָט די געוועזענע העפטלינגע מכנים אורחים געווען מיט זיין גאַנצער פאַלשער העפלעכקייט. אָבער ווי נאָר ער האָט זיך דערוווּסט וועגן געזעץ, וואָס פאַרווערט צו נעמען אָן געלט דייטשע סחורה, האָט ער תיכּף איבערגעגעבן איינעם פון די מ.פּ. (זיין טאָכטער, די בלאָנדע עלזאַ, איז צו אים געוואָרן זייער צוגעלאָזן...), אַז ביי אים וווינען עטלעכע קאַצעטלער, וואָס האָבן געווים אויך „באַ־רויבט״ יענעם דייטשן מאַגאַזין. והאָ ראַיה, זיי נוצן אַזעלכע מינים פּאַרפומען, וואָס פאַררייסן די שטוב מיט זייער שטאַרקן אַראָמאַט. דערמיט, האָט ער געטראַכט, וועט ער שיסן צוויי האָזן מיט איין שאָס: קודם־כּל, וועט ער אָנטאָן צרות אַ פּאָר יידן און פאַר איין וועגס — אויך פּטור ווערן פון די אומ־געבעטענע געסט, וואָס האָבן זיך ביי אים באַזעצט.

אויף צו מאָרגנס באַגינען האָבן זיך טאָקע די מ.פּ.־לייט אַריינגעשטעלט אין יענער שטוב, ווו ס'האָבן געוווינט די

עטלעכע ניצול-געוואָרענע קאַצעטניקעס, און געמאַכט דאָרט אַ רעוויזיע, צוגענומען די אַלע זאַכן, וואָס האָבן געשטאַמט פון דעם דייטשן מאַגאַזין, און די עטלעכע קאַצעטלער אַרעס-טירט אונטער דער באַשולדיקונג פון „רויב״. דאָס איז געווען דער ערשטער רעהאַבּיליטאַציע-שׂכר, וואָס די קאַצעטלער האָבן באַקומען פון זייערע באַפרייער. ערשט נאָך פּראָטעסטן און שתדלנות, האָבן די מ.פּ. באַוויליקט די היטלער-קרבנות צו באַפרייען פון אַרעסט. און דעריבער, הגם אין די נייע מלבושים האָט מען שוין באַקומען צוריק אַ שטיקל מענטשלעך פּנים און אַ לייטישן אויסזען, אָבער צו וועלן זיין באַשעפּטיקט ביי די אַמעריקאַנער מיליטער-איינהייטן, האָבן מיר מער נישט געטראַכט, טאַקע מחמת דער האַנדלונג פון די מ.פּ. לגבי יענע העפטלינגע. מוחל טובות, האָט מען געזאָגט, און מען האָט געזוכט זיך מפרנס צו זיין דערפון, וואָס מען האָט געפונען אין די דייטשע שטובן, פון וועלכע זייערע בעלי-בתּים זענען אין דער לעצטער מינוט אין גרוים בהלה אַנטלאָפן און אַלץ געלאָזן הפקר.

נישטערנדיק אַזוי אין די פּאַרלאָזטע וווינונגען, האָט מען איין מאָל אָנגעטראָפן אויף אַ וואַליזע, אַ פולע מיט גרויסע דײַטשע געלט-באַנקנאָטן, נאָך אין באַנדראָלירטע פּעקלעך, נײַע און גלאַנציקע. די דאָזיקע באַנקנאָטן זענען משמעות אָקערשט געוואָרן אָפּגעדרוקט און אפשר אַפילו נאָך נישט געפונען זיך אין נאָרמאַלן פאַרקער. מיט ביטול האָט מען באַטראַכט דעם טשעמאָדאַן מיטן געלט, געחוזקט פון זײַן בעל-הבית, וועלכער האָט פלוצעם געמוזט מאַכן אַ ויברח, און איבערלאָזן זיין פאַרמעגן, וואָס ער האָט דערוואָרבן בײַ די נאַציס, מסתמא פאַר זײַנע „מעשׂים טובים״. ס'איז קיינעם

פון אונדז נישט אײַנגעפאַלן צו נעמען מיט זיך דעם אוצר. „אַ שאָד די טירחה צו שלעפּן די היטלער־מענטשעלעך, מיטן האַקנקרייץ פון אויבן" — האָט מען זיך געזאָגט. אין אונדזערע אויגן האָט דאָס אויסגעזען נישט צו האָבן מער אַ וועלכן ס'איז ווערט. דאָך האָט איינער פון אונדז, צי ווי אַ זכר לחורבן, צי צוליב עפּעם אַנדערש, סתּם אַזוי גענומען מיט זיך עטלעכע פּעקעלעך, עלעהיי אַשר־יצר־פּאַפּיר, און די דאָזיקע עטלעכע פּעקעלעך זענען אין עטלעכע טעג אַרום גאַנץ גוט צו נוץ געקומען, מחמת די דאָזיקע באַנקנאָטן האָבן שנעל באַקומען צוריק זייער ווערט, ווי בעת דער היטלער־הערשאַפט, קור־סירט ווי נאָרמאַלע וואַלוטע, און מען האָט פאַר דעם געלט געקענט איינקויפן עסנוואַרג און אַלץ, וואָס איז נאָר געווען צו באַקומען. דער אַפּעטיט צום עסן איז געווען אומגעהויער גרויס, דער פאַרשרומפּענער מאָגן האָט ביסלעכווייז צוריק באַקומען זיין נאָרמאַלע פאַרעם, און ממתקים איז אויך געווען, איז בכן גאָר קיין חידוש נישט, אַז נאָך צען טעג איז יעדן פון אונדז צוגעקומען אַ צען קילאָ וואָג (בעת דער באַפרייונג האָט אַזאַ איינער געוויגן עטלעכע און דרייסיק קילאָ).

וואָלט דאָך געווען נישקשה, און מען האָט געקענט מיינען, אַז ביסלעכווייז וועט מען צוריקקומען צו די כוחות, האָט אָבער, ווי אַן אַנשיקעניש, פּלוצעם זיך אַריינגעמישט דער טיפוס און באַפאַלן די שוואַכע, אויסגעמאַטערטע קאַצעטלער־גופים, מיט דער גאַנצער גרויזאַמקייט. מיט אַ מאָל פלעגט מען באַקומען פיבער, וואָס איז געשטיגן מיט יעדן טאָג אַלץ העכער און שטאַרקער. די איינציקע רפואה, וואָס מען פלעגט דערצו נוצן, איז געווען אַזאַ מין בראָנפן פון היימישער פּראָ־

דוקציע („סאַמאַגאָן״ האָט מען דאָס גערופן) — אַ גאַנגבאַרע משקה אין יענע טעג. די דאָזיקע רפואה האָט אָבער נישט געהאַט קיין גרויסע פעולה און מען איז געווען געצוווּנגען צו רופן אַ דאָקטער, וועלכער האָט באַפוילן די קראַנקע צו טראַנספּאָרטירן אין דערבײַיִקן מינכען, אינעם דאָרטיקן „שוואַבינג-שפּיטאָל״, ואני הקטן בתוכם.

ווי אַ ביטערער שפּיל פונעם גורל האָט דאָס דעמאָלט אונדז אויסגעזען. ממש ווי אַ להכעיס, כדי ממלא צו זיין די היטלער-פּיינען, האָט די שרעקלעכע מחלה גראָד צו אונדז זיך געטשעפּעט. דווקא איצט, נאָכן אויפשטיין ווי צו אַ תחית המתים און אָנהייבן אַ ניי לעבן. און דאָס נאָך אין אַזאַ שטאַרקן פאַרנעם. וועט נאָך סטייען כוחות אַרויסצודרייען זיך פון אירע שאַרפע נעגל?

בעתן באַטראַכטן די קראַנקע אין „שוואַבינג-שפּיטאָל״ דורכן דייטשן דאָקטער, ווען ער האָט געזען זייער מצב, האָט ער זיך אַזוי אויסגעדריקט: „מיר וועלן טאָן אַלץ, וואָס אין אונדזערע מעגלעכקייטן, צו היילן די קראַנקע, זיי זאָלן בלייבן לעבן״. צי דאָס איז דורך אים געזאָגט געוואָרן, כדי צו באַ־רויִקן די געמיטער פון די באַגלייטער, צי האָט ער טאַקע אין זינען געהאַט דאָס ערנסט אויסצופירן — אַלץ איינס איז דער גורל פון די טיפוס-קראַנקע געווען אין זיינע הענט, און בלית ברירה, האָט מען געמוזט שענקען אים צוטרוי.

אין משך פון אַ סך טעג זענען די קראַנקע כמעט נישט געווען ביים באַוווּסטזיין. ווי אין חלום פלעגן זיי קוים דער־קענען די חברים, וואָס פלעגן קומען אין שפּיטאָל אַריין זיי מבקר חולה זיין. זיי זענען נישט געווען בכוח צו ענטפערן אַפילו אַ וואָרט, רק געקוקט בלויז מיט זייערע פאַרלאָשענע,

פאַרגלייזטע אויגן, ווי שוין נישט דאַיִקע. מיט זיפצן פון שברת הלב פלעגן די חברים אַרויסגיין פון שפּיטאָל טראַכטנדיק: פלוני בן פלוני איז נעבעך אַ פאַרטיקער... איבערגעלעבט אַלע נאַצי־גיהנומס און איצטער מוז ער אַוועקגיין אויפן עולם האמת. טראָץ דעם פלעגן זיי אינטערווענירן ביים דאָקטער, אַפילו כעסן זיך אויף אים, הלמאַי ער האָט דערלאָזן צו אַזאַ שווערן מצב פון די קראַנקע. ווידער אַ מאָל האָט דער דאָקטער בלויז געקאָנט צוזאָגן אַלץ צו טאָן, כדי צו ראַטעווען דאָס לעבן פון די טיפוס־קראַנקע.

די מלחמה מיטן מלאך־המוות האָבן מיר געוווּנען. מען האָט זיך מיט אים געראַנגלט און פאַרט אים בייגעקומען. מיט וואָסערע נסים — דאָס ווייסט בלויז איין גאָט און די מעדיצין. ס׳האָט אָבער געדויערט טעג און וואָכן, ביז מען איז געווען ביכולת צו שטעלן אַ פוס אויף דער פאָדלאָגע. ווען עמעצער האָט דאָס געפּרוּווט טאָן, איז ער תיכף געלעגן אַן אויסגעצויגענער אויף דער ערד. און וואָס איז דער חידוש, אַז די פיס זענען גאָר קיין פיס נישט געווען, נאָר שטעקעלעך, אַרומגעהאָנגענע מיט שלאַבעריקער הויט, אָן אַ סימן פון פלייש — אַ סך ערגער ווי ביי די אוישוויצער סקעלעטן. דער דאָקטער האָט פאַראָרדנט צו געבן מער נאַרהאַפטע מאַכלים פאַר די דאָזיקע רעקאָנוואַלעסצענטן, כדי זיי זאָלן קאָנען גיכער קומען צו די כוחות. וכך הווה: ביסלעכווייז האָט זיך אָנגעהויבן גיין, ביז מען האָט שוין שפּאַצירט אינעם שפּיטאָל־גאָרטן און זיך געקוויקט מיט דער פרייער, פרישער לופט. מען האָט שוין אַפילו אָנגענומען באהבה דעם מקום־מנוחה אינעם שפּיטאָל, ווו מען איז אויסגעטאָן פון דאגות, און געוואָלט בלייבן ווי לאַנג ס׳וועט זיך לאָזן. אָבער פלוצעם

איז איינגעפאַלן דער אַנפירונג פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי, צו פאַרנעמען דעם „שוואַבינג שפּיטאַל" פאַר זייער געברויך. די קראַנקע און האַלב-קראַנקע זענען אין איין אומר-ועושׂה פון דאָרט געוואָרן אַרויסגעבעטן, און מען האָט זיך געגרייט זיי צו טראַנספּאָרטירן ערגעץ אַנדערש ווו.

ווידער לך-לך... וווּהין? סאַראַ נפקא מינה? דער עיקר אויף ס'ניי זיך פּלאָגן. איי עס קלעקן שוין נישט קיין כוחות, איז ווען ... מען אַרט עס? מיט אַט דעם ביסל תחית המתים... מאַכט מען זיך אַ קנאַפּן צימעס. זיי ליגן דער אַמעריקאַנער אַרמיי אין דער לינקער פּיאַטע.

„רבונו של עולם, ווען וועט שוין נעמען אַ סוף צו דעם וואַנדערן, פון איין אָרט צום אַנדערן"? — רופט אויס איינער פון אונדז צום גראַם. און אַנדערע העלפן אים אונטער: „וויפל איז דער שיעור זיך צו מאַטערן און די לעצטע כוחות צו פטרן"? אַזוינע און ענלעכע קשיות זענען געקומען פון דעם קנויל צונויפגעזאַמלטע שפּיטאַלניקעס, וואָס וואַרטן אויף זייער ווייטערדיקן גורל.

עפנט זיך די טיר פונעם זאַל און ס'קומט אַריין אַ מאַן אין מיליטערישער הלבשה. ביי עטלעכע שפּיטאַלניקעס, וואָס האָבן אים באַגעגנט, ווערט אַ שׂמחה, אַ גדולה. מען קושט זיך און מען רעדט צווישן זיך די פּוילישע שפּראַך. ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן איז דער מיליטער-מאַן געווען דער, וועמען די אַמעריקאַנער אָקופּאַציע-מאַכט האָט באַשטימט פאַר קאָ-מענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי אין פעלדאַפינג (אַ יידן-לאַגער לעבן מינכען). הירשפעלד איז געווען זיין נאָמען. ער איז געקומען קיין מינכען אינעם שפּיטאַל, אַרויסצונעמען מיט זיך קיין פעלדאַפינג זיינעם אַ ברודער מיט נאָך עטלעכע

חברים, וועלכע זענען דאָרט געלעגן צו היילן זיך אויף פאַר־שידענע קראַנקייטן.

גערהערט, אַז ס׳געפינט זיך דאָ נישט ווייט אַן אָרט, ווו ס׳זענען פאַראַן מער יידן, בין איך צוגעשטאַנען צו דעם גאַסט, דעם קאָמענדאַנט, און אים געבעטן, ער זאָל אויך מיך מיט־נעמען אַהין, מחמת עס סטייען שוין נישט קיין כוחות און ס׳איז אויך נישט פאַראַן קיין חשק ווידער צו וואַנדערן ערגעץ אין דער פרעמד, ווייט פון יידן.

„מיט פאַרגעניגן" — ענטפערט מיר דער קאָמענדאַנט הירשפעלד. ער האָט מיך געהייסן אַרויפגיין אויפן מיליטער־רישן וואָגן, מיט וועלכן ער איז געקומען, און מיט אַלע צוזאַמען בין איך אַוועק קיין פעלדאַפינג. מיר זענען געוואָרן איינקוואַרטירט ווי רעקאָנוואַלעסצענטן אינעם דאָרטיקן קראַנקן־הויז.

אַרויס פון לאַגער און אַריין אין לאַגער

בלויז דאָס געפינען זיך אין יענעם זומערדיקן יוני־נאָכמיטאָג אינעם היילאַנשטאַלט אין פעלדאַפינג, אונטער יידישער אויפזיכט און אָנפירונג, איז געווען, ווי אַן אמתע רפואה פאַר דער גרופע שפיטאַלניקעס פונעם „שוואַבינג שפיטאַל" אין מינכען.

ס׳האָט פשוט געהיילט דאָס געפיל פון זיין צווישן יידן און ווערן באַדינט און באַהאַנדלט דורך יידישע מיידלעך, געוועזענע קאַצעטניצקעס, וואָס האָבן זיך פרייוויליק אַנגאַזשירט אַלס קראַנקן־שוועסטערס און פאַרנעמען זיך מיט דיר טאַקע ווי אַ שוועסטער מיט אַ ברודער. מען האָט אָנגעהויבן פילן דעם באַפרייונגס־גייסט. ביז אַהער, ווען מ׳איז נאָך אַלץ געווען צווישן דייטשן, געוווינט מיט זיי אונטער איין דאַך, און געמוזט הערן און רעדן זייער שפראַך, האָבן מיר דאָס כמעט נישט געפילט. אַנדערש איז געווען די אַטמאָספער אין פעלדאַפינג, אויף דער יידישער „אויטאָנאָמיע". הגם זי געפינט זיך אויף דייטשישער ערד, איז אָבער די סביבה אַ ריין יידישע (אַחוץ דייטשע דאָקטוירים און אַנדערע דייטשן, נייטיקע צום באַדינען דעם לאַגער, איז פאַר דייטשן דאָרט געווען פאַרבאָטן דער דריסת הרגל). און אַז מען געפינט זיך צווישן יידן, ווערט ממילא אויך יידישלעך אויפן האַרצן, פריילעכער אויפן געמיט און וואַרעמער אויף דער נשמה.

מיטן גאַנצן אַדמיניסטראַטיוון, ווירטשאַפטלעכן און טעכ־

נישן אַפּאַראַט האָבן פאַרשטענדלעך אָנגעפירט ייִדן אונטער דער ווינציקער השגחה פונעם „דזשאָינט״ און שפּעטער די „אונררא״. זיי האָבן דאָס געשאַפן דעם קאָמיטעט אָנצופירן מיטן לאַגער, אין דער פאָרעם ווי, למשל, אַ ייִדישע קהילה.

עס האָט זיך אויך געשאַפן אַ „ייִדישער אַרבעטער־קאָמיטעט״, אין וועלכן עס זענען געווען פאַרטראָטן מענטשן פון פאַרשידענע אידעאָלאָגישע אָנשויונגען און ריכטונגען. למען האמת דאַרף געזאָגט ווערן, אַז ס׳האָט געהערשט אַן אידילישע באַציִונג צווישן זיי. אַלע האָט פאַראייניקט איין און די זעלביקע אויפגאַבע: צו העלפן די ייִדן, וואָס זענען געקומען אַהין נאַקעט און באָרוועס, קראַנק, שוואַך און צע־בראָכן, פון די היטלעריסטישע אויסראָטונגס־ערטער, אַ סך אויך פונעם רוסישן „גן־עדן״.

עס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן וואַרשטאַטן פון שניידער, שוסטער, טישלער, עלעקטריקער, מאָלער און אויך באַשפּיי־זונג־און באַקליידונג־פּונקטן. דער לאַגער פעלדאַפינג האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ ייִדישן קיבוץ, וואָס מאַכט דאָ אַדורך די „הכשרה״ צו זיין פעיִק און גרייט, ווען ס׳וועט קומען די שעה, אויסצופירן די פונקציעס אין אַ פרייער ייִדי־שער מלוכה אין ארץ־ישׂראל.

דער לאַגער פעלדאַפינג האָט זיך געפונען, ווי שוין דער־מאָנט, נישט ווייט פון מינכען, ביי דער „שטאַרנבערגער זעע״. דאָס איז געווען אַ פּרעכטיקער נאַטור־ווינקל, אַרומגערינגלט מיט סאָסנעוואַלד, אַ טייך און לאָנקעס. די היטלעריסטן האָבן דאָרט אויפגעבויט קאַזאַרמעס־בלאָקן — אַ צענטער פאַר דער היטלער־יוגנט. דאָרט זענען זיי געוואָרן „דערצויגן״, ווי אַזוי

מען דאַרף פייניקן און מאָרדן אומשולדיקע מענטשן, און דער עיקר ייִדן. ס'האָבן זיך דאָרט אויך געפונען אַ גרויסע צאָל ווילעס, מסתמא פאַר די ס.ס.־פירער. די אַמעריקאַנער מאַכט־אָרגאַנען האָבן פון דאָרט משלח געווען די דייטשן און דעם פלאַץ באַשטימט פאַר אַ ייִדישן די.פּי.־לאַגער. אַזוי אַרום איז מען נאָר וואָס אַרויס פון לאַגער און ווידער אַריין אין לאַגער. אמת טאַקע, אַ לאַגער אָן שטעכלדראָט־פאַרצוימונג, אָן גאַז־קאַמערס און קרעמאַטאָריעס, ווי אין די פריִערדיקע לאַגערן, אָבער פאָרט אַ לאַגער. מען האָט ווידער צוגעטיילט וואָס צו עסן, ווו צו וווינען וכדומה. פאַר די יעניקע די.פּי.ניקעס, וואָס האָבן נאָך נישט פאַרקאַטשעט די אַרבל, נישט געוווּסט צו אָרגאַניזירן עפּעס אַ מסחרל, כדי צו קאָנען זיך דערלויבן דאָס וואָס ס'האַרץ גלוסט, איז דאָס אוודאי נאָך געווען אַ לאַגער־לעבן כמעט ווי פריִער.

געווען פון דעסטוועגן אויך אַ צווייטע זייט פון דער מטבע אין לאַגער פעלדאַפינג — אַ נאַטירלעכע דערשיינונג פאַרן „עם הספר", ווי מיר, ייִדן, רופן זיך. אַפילו אין אַזאַ מין ייִדישן ייִשוב האָבן זיך געפונען קולטור־טוער וואָס טראַכטן און זאָרגן אויך וועגן אַ ביסעלע גייסטיקער שפּייז פאַר די פאַר־בליבענע שׂריד ופּליטים פון דער היטלער־מגיפה.

האָבן אין יענע טעג אין פעלדאַפינג זיך צונויפגעזאַמלט אַ גרופּע ייִדן, וועמענס הייסער ווונטש און רצון ס'איז געווען צו טאָן עפּעס אויפן קולטור־געביט אין לאַגער. קיין ייִדישע ליטעראַטור איז אָבער אין לאַגער כלל נישט געווען בנמצא. האָבן דאָך די היטלעריסטן געמאַכט שייטערהויפנס און אויף זיי פאַרברענט די ייִדישע שאַפונגען. טאָ ווי זשע הייבט מען אָן טאָן עפּעס אויפן קולטור־געביט אָן ליטעראַטור?

אַ ייִד, לעאָן כ״ץ, האָט געלאָזט וויסן, אַז ער האָט אָקערשט פֿאַרענדיקט זיינע אָנגעשריבענע דראַמע אונטערן נאָמען „בלוט און פייער״, אויף דער טעמע פֿונעם לעצטן חורבן. אַזוי ווי יעדער מחבר פֿון אַזוינע ווערק, האָט אויך דער דערמאָנטער לעאָן כ״ץ געוואָלט געבן זיין דראַמע אַ סצענישן תּיקון. מהאַי טעמא, האָט ער זיך געווענדט צו דער קולטור־קאָמיסיע ביים קאָמיטעט, און פֿאַרגעלייגט אויפֿצופֿירן זיין דראַמע אויף דער בינע. יענע האָבן דאָס גינסטיק אויפֿגענומען. ראשית, צוליב דעם נאַציאָנאַלן אונטערשלאַק פֿון דער פּיעסע, שנית, צוליב דער געלעגנהייט אָנצוהייבן אַ שטיקל קולטור־טעטיקייט אינעם לאַגער. איינס און צוויי האָבן זיי גענומען צונויפֿשטעלן אַן אַנסאַמבל בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן געפֿילט אַ נייגונג צו טעאַטער־שפּיל, כּדי מיט זיי אויפֿצופֿירן די דאָזיקע פּיעסע.

אין איינעם אַ פֿאַרמיטאָג, וואַרטנדיק אינעם קראַנקן־רעוויר, זע איך ווי ס׳קומען דאָרט אַריין דריי ייִדן: דער פּרעזעס פֿון קאָמיטעט, דער פֿאָרשטייער פֿון דער קולטור־אָפּטיילונג און דער מחבר פֿון דער דראַמע „בלוט און פייער״, און זיי פֿרעגן זיך אויף דעם „טעאַטראָל פֿון אוישוויץ״.

„דאָס בין איך״ — שטעל איך זיך פֿאָר פֿאַר זיי — „וועגן וואָס האַנדלט זיך״? איך בין געווען שטאַרק איבער־ראַשט פֿונעם באַזוך ביי מיר פֿון דער חשובֿער דעלעגאַציע און כ׳האָב אַ טראַכט געטאָן באותו מינוט: אפשר ברענגען זיי מיר עפּעס אַ בשׂורה־טובֿה וועגן עמעצן פֿון מיינע נאָענטע, וואָס האָט זיך אָפּגעפֿונען. אַזוינע זאַכן זענען געווען שכיח אין יענע טעג. דער דאָזיקער געדאַנק האָט ביי מיר אַרויס־גערופֿן האַרץ־קלאַפּעניש.

„מיר קומען צו אייך וועגן זייער א וויכטיקן ענין" — ענטפערט מיר דער פּרעזעס, און אָנווייזנדיק אויפן מחבר פון דער דראַמע, זאָגט ער ווייטער — „פריינד כ"ץ האָט אָנגעשריבן אַ טעאַטער־פּיעסע, וואָס איז מיט איר אינהאַלט אונדז שטאַרק צום האַרצן און איז פּאַסיק אויפגעפירט צו ווערן אויף דער בינע. ס'איז שוין אַפילו פאַראַן אַן אַנסאַמבל דערצו, ס'פעלט אָבער דער רעזשיסער, וואָס זאָל דאָס איבערברענגען אויף דער בינע".

לכן, לייגן זיי מיר פאָר, איך זאָל דאָס טאָן, ווערליק זיי האָבן געהערט, בין איך, זאָגן זיי, דערוויל דער אייגציקער באַרופענער דערצו. דערמיט, זאָגן זיי ווייטער, וועל איך מתקן זיין עטלעכע נוצלעכע און וויכטיקע זאַכן: קודם־כל, צוריק אויפלעבן יידישע קולטור, שנית, אַרויפברענגען אויף דער בינע און באַווייזן אַ יידישע שאַפונג נאָך אונדזער גרויסן חורבן, און ועל כולם, מהנה זיין יידן מיט אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג, וואָס מען האָט אַזוי פיל יאָרן נישט געקאָנט זען. די דעלעגאַציע האָט דערביי זיך מתחייב געווען צו באַזאָרגן, ווי ווייט מעגלעך, די נויטיקע עלעמענטן פאַר דעם צוועק.

הלמאַי זאָל איך לייקענען? איך בין געווען זייער צופרידן פון דער מיסיע, וואָס קהל וויל מיר אָנפאַרטרויען, און הגם כ'האָב דערפילט עפּעס אַ מין „קטונתי", און נישט געקוקט אויף מיין נאָך שוואַכן פיזישן מצב, האָט דער ענין מיך שטאַרק געלאָקט, מיך געמוטיקט און אַפילו אָנגעפילט מיט כוח. איך האָב בכן תיכף מסכים געווען צו קומען אויף דער לייענונג פון דער פּיעסע פאַרן קאָלעקטיוו, און אויב איך וועל זיך פילן ביכולת זיך אונטערצונעמען זי אויפצופירן, וועל איך דאָס טאָן בלב ונפש. געטראַכט האָב איך: קודם־כל,

לאַמיך הערן לייענען די פּיעסע און זען מיט וואָס דאָס שמעקט. וואָס איז דאָ פאַראַן צו ריזיקירן?

מיין הלבשה איז נאָך אַלץ געווען די שפּיטאַל־בגדים פונעם „שוואַבינג שפּיטאַל" אין מינכען. צוליב דעם אַרומ־דרייען זיך פון דאָרט יענעם טאָג און אַריבערפּעקלען זיך אין לאַגער פעלדאַפינג, האָב איך נישט באַוויזן צוריק צו באַקומען פון דאָרט מיינע מלבושים, און אַזוי אַרום בין איך געבליבן אין דעם, וואָס איך האָב אויף זיך געטראָגן. טאָ ווי קאָן מען קומען צום קאָלעקטיוו און זיך באַווייזן אין אַזאַ נעבעכדיקן הילוך? דאַרף איך דאָך, ווי מען שמועסט, זיין זייער רעזשיסער, צו וועלכן מען דאַרף האָבן אַ שטיקל באַציִונג, און מיין בידנער מעמד קאָן זיך שלעכט אָפּרופן אויף דער זאַך גופא.

אַ פּנים, אַז די דעלעגאַציע האָט דאָס אויך פאַרשטאַנען, און אויף צו מאַרגנס, עטלעכע שעה פאַר דעם ווען ס'איז באַשטימט געוואָרן פאַרצולייענען די פּיעסע, האָט מען מיך מכבד געווען מיט מענטשלעכע מלבושים פון קאָפּ ביז די פּיס. איך בין אַוועק הערן די פּיעסע מיט פרייד, הן פון דעם פון פאַרויס באַקומענעם שׂכר פאַר מיין נאָכנישט־געטוענער אַרבעט, הן וואָס די מענטשלעכע הלבשה האָט מיר צוריק־געגעבן אַ שטיקל לייטישן אויסזען, און דער עיקר — פון נעמען אויף זיך אַזאַ הייליקע שליחות, צו שטעלן אפשר די ערשטע ייִדישע טעאַטער־פאָרשטעלונג מיט די באַפרייטע קאַצעטלער, אַ זאַך וואָס איז מיר געווען שטאַרק צום האַרצן.

צו דער באַשטימטער שעה זענען געווען פאַרזאַמלט ביים פּרעזעס אין שטוב דער געשאַפענער טעאַטער־אַנסאַמבל און אויך די פאָרשטייער פון דער קולטור־אָפּטיילונג. נאָכן פאַר־

שטעלן מיך דורכן פרעזעס פֿאַר די אַנוועזנדיקע, האָט דער מחבר לעאָן כ״ץ גענומען לייענען זיין פּיעסע.

ווי ווויל כ׳האָב געהאַט אַ ביסל טעאַטראַלע פּראַקטיק נאָך פון מיינע יונגע יאָרן און כ׳בין אפשר געווען אַ קאַפּיטשקע טעאָרעטיש באַהאַוונט אין דער טעאַטער־קונסט און געוווּסט, אַז על פּי רוב איז ביי דער עובדה פֿאַראַן טרעמע — מוז איך אָבער מודה זיין, אַז פֿאַרן הערן יענעם מאָל די פּיעסע, איז מיך באַפֿאַלן אַ דאָפּלטער פּחד. קודם־כל, צי וועל איך אין שטאַנד זיין אויסצופירן די אויפגאַבע, וואָס מען לייגט אַרויף אויף מיר — נעמען אַ פריש־געבאַקענע פּיעסע, קיין מאָל נישט געזען, נישט געהערט, און מאַכן דערפון אַן אויפפירונג, וואָס מען זאָל עס קאָנען באַווייזן פאַר לייטן. ווי הויך עס גרייכן ביים געשאַפענעם טעאַטער־אַנסאַמבל די שוישפּילעַרישע פֿעיִקייטן — האָב איך אויך נאָך נישט געקאָנט ווּיסן. אמת טאַקע, זייער פיזישער אויסזען געפעלט מיר זייער: גאַנץ סימפּאַטישע בחורים און מיידלעך, כ׳לעבן. אַלץ איז ווויל און פיין. צו טעאַטער פאָדערט זיך אָבער נאָך אַזאַ קלייניקייט, ווי טאַלאַנט. אַחוץ דעם, טראַכט איך, ווער ווייסט, וואָס דער מחבר פון דער פּיעסע האָט באַוויזן צו שאַפן? צי וועט דאָס בכלל זיין אַ מאַטעריאַל ראוי אויפצופירן אויף דער בינע? אַזוינע און ענלעכע געדאַנקען האָבן מיך דעמאָלט באַהערשט און געמאַטערט. אָבסערוּוירנדיק אָבער דעם קאָלעקטיוו און זעענדיק מיט וואָסער אינטערעס און ערנסט זיי האָרכן זיך צו צום געלייענטן, האָב איך באַקומען מוט און זיך עטוואָס באַרויִקט. אויך דער טעקסט האָט מיר אָנגעהויבן געפעלן צו ווערן און כ׳האָב געטראַכט: אפשר? אפשר וועט דערפון עפּעס אַרויסקומען?

די פּיעסע איז אויך אַלעמען געפעלן געוואָרן. דער מחבר האָט געהאַט גוטע כוונות און טאַקע אויך געלונגענע איינ־פאַלן. ער האָט אין אַט דער דראַמע אַרויסגעבראַכט אַ סך טעאַטראַלע און שפּאַנענדיקע מאָמענטן. דער סיפּור־המעשׂה האָט פאַרגעשטעלט אַ בילד פון אַ באַלעבאַטישער ייִדישער שטוב אין פּוילן פאַרן לעצטן חורבן. דער פּערסאָנאַזש: טאַטע, מאַמע, זין און טעכטער. איינער פון די זין — אַ חלוץ, וואָס האָט שוין געהאַט אַדורכגעמאַכט אין אַ קיבוץ די „הכשרה", האָט כסדר געפּרוּווט צורעדן זיינע עלטערן, זיי זאָלן פאַרלאָזן די פּוילישע ערד, וואָס האָט ווערדליק זיין מיינונג, שוין גע־ברענט אונטער די פיס. ער האָט פאַרלאַנגט פון זיינע עלטערן, זיי זאָלן אַלץ ליקווידירן און פאָרן זיך באַזעצן אין ארץ־ישׂראל. זיינע עלטערן זענען געווען גוט סיטואירט, געהאַט פּרנסה ברווחה, האָט זיי ווייניק געלאָקט זייער זונס פּלאַן און זיי האָבן אים טאַקע נישט געפאָלגט. לסוף איז דער זון אַליין אַוועקגעשיקט געוואָרן דורך זיין קיבוץ קיין ארץ־ישׂראל.

מיטן אָנקומען פונעם היטלער־חורבן האָבן זיינע עלטערן, אַזוי ווי מיליאָנען אַנדערע ייִדן, געענדיקט זייער לעבן אין גאַזקאַמערן, אָדער ערגעץ אַנדערש ווּ. ס'איז געבליבן לעבן בלויז איין טאָכטער, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פונעם קאַלכ־אויוון. איר ברודער, דער חלוץ פון ישׂראל, וואָס איז שוין דורך דער צייט געוואָרן אַן אָפיציר אין דער „הגנה", האָט באַקומען אַ דערלויבעניש, צו קומען קיין פּוילן אויף אַ קורצער צייט, כדי צו זען, וואָס ס'איז געוואָרן מיט זיין פאַמיליע. צו זיין גרויסן צער האָט ער אָבער קיינעם פון זיי נישט געטראָפן. ער האָט בלויז געהערט אַ קלאַנג, אַז זיין ייִנגסטע

שוועסטער זאָל זיך געפינען אין דייטשלאַנד אין אַ די.פּי.־לאַגער. ער קומט קיין דייטשלאַנד, געפינט טאַקע זיין שוועס־טער און נעמט זי מיט קיין ארץ־ישראל.

ווי ס'איז צו זען, איז דער תוכן און סוזשעט פון דער דאָזיקער פּיעסע געווען נישקשהדיק טעאַטראַליש. דערצו נאָך מיט אַ מוסר־השכל, וואָס פּאַסט זיך פאַר אַזאַ סגאַל דראַמע. אַלץ וואָלט געווען וויל און פיין, ווען נישט דאָס, וואָס דער מחבר האָט באַלאָדן זיין דראַמע מיט צו פיל לאַנגע מאָנאָלאָגן, אַ זאַך, וואָס איז תמיד „סם" הן פאַרן אַקטיאָר און אויך פאַר דער אויפפירונג גופא.

אָפּגעבנדיק זיך אַ חשבון פון דער אַחריות, וואָס איך דאַרף אויף זיך נעמען מיט אָט דער אויפפירונג, איז געווען ביי מיר אַן אַמביציע צו באַווייזן די ערשטע פּיעסע נישט ווי אַ קריפּל. האָב איך טאַקע מסכים געווען אויפצופירן די פּיעסע בתנאי, אַז דער מחבר זאָל דערלויבן צו קירצן די מאָנאָלאָגן ביזן תמצית, פאַרוואַנדלען זיי אין קלענערע דיאַלאָגן, אָדער אין גאַנצן אַרויסוואַרפן. בקיצור, דער מחבר האָט, בלית ברירה, מסכים געווען נאָכצוקומען מיין פאָרשלאָג, און נאָך אַ ביסל צייט מעיין־זיין פון מחבר, צוזאַמען מיטן פאָרשטייער פון דער קולטור־קאָמיסיע, און מיין וויניקייט, איז מען ענדלעך צוגעטראָטן צו די פּראָבן.

די ערשטע אויפפירונג

קלאָר, אַז כדי די פּיעסע זאָל דערזען די שײַן פון דער בינע, האָט זיך געפאָדערט אַ מסירת־נפשדיקער אָנשטרענג. קודם־כל, איז גרויס געווען די האַרעוואַניע איבער דער פּיעסע גופא: געמוזט זיך ברעכן דעם מוח פאַר דער מיזאַנסצען, באַפוצן זי מוזיקאַליש און אַריינפלעכטן לידער־טעקסטן צוגע־פּאַסטע צו דער האַנדלונג.

בעת די פּראָבן האָבן זיך געשאַפן קאָמישע סיטואַציעס, און אָפט מאָל פלעגט מען ממש קייכן פון געלעכטער. עס פלעגט טרעפן, אַז די זשעסטן פון די אַקטיאָרן זענען אַרויס־געקומען „משה קאַפּויער״. אַנשטאָט אָנצוווייזן מיט דער האַנט צו דער ערד, ווי דער טעקסט האָט געפאָדערט, האָט יענער דאָס געטאָן צום הימל. אַן אַנדערער ווידער האָט געוואָלט אַרויסווייזן זיין גאַנצן טאַלאַנט, האָט ער פּשוטע ווערטער אָנגעלאָדן מיט אַ שטאַרקן פּאַטאָס און זיי באַגלייט מיט די משונהדיקסטע העוויות. און ס׳איז גאָר קיין חידוש נישט: דאָס זענען דאָך געווען אַמאַטאָרן, וואָס האָבן קיין מאָל פריִער די בינע־ברעטער נישט באַטראָטן. איז גרויס געווען די האַ־רעוואַניע מיט אָט די נישט דערפאַרענע שפּילער פון די ראָלן.

צו דעם אַלעם זענען נאָך צוגעקומען אַנדערע דאגות און קאָפּדרייעניש. מ׳האָט זיך אַרומגעזען, אַז ס׳איז נאָך נישט פאַראַן קיין פּאַסיקער זאָל ווו אויפצופירן די פּיעסע, סיידן אין אַן אומגעהויער לאַנגער הילצערנער בודע, וועלכע האָט, וואָס אַן אמת, געקאָנט אין זיך אַריינגעמען עטלעכע טויזנט מענטשן.

די דאָזיקע געביידע איז פאַר די ימים־נוראים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שול, ווו ייִדן האָבן מתפלל געווען. יום־כיפור האָט מען אַפילו געהאַט דעם כבוד צו האָבן דאָרט ווי אַ גאַסט דעם גענעראַל אייזנהאַוער גופא. ער האָט דאָרט געהאַלטן אַ דרשה, וואָס קיינער, אַחוץ דעם דאָלמעטשער, האָט נישט פאַרשטאַנען. ער איז געקומען אַהין אַריינצוּוואַרפן אַ פּאָר טרייסטווערטער פאַר די פאַרזאַמלטע ייִדן, געוועזענע לאַגער־ניקעס, וואָס געפינען זיך נאָך אַלץ אין לאַגערן: „נישט געדאַגהט, ייִדעלעך, ס׳וועט נאָך גוט זיין. גאָט איז אַ פאָטער און אַמעריקע איז אַ גרויס און מעכטיק לאַנד״. איז ווי באַלד אַזוינע דיבורים קומען פונעם באַפרייער אונדזערן, בכבודו ובעצמו, טאָ וואָס זשע דאַרף מען נאָך בעסער? איז מען דאָך, הייסט עס, שוין אויסגעזאָרגט...

נאָר לאָמיר זיך צוריק אומקערן צום ענין: צו דער היל־צערנער לאַנגער בודע, וואָס האָט געזאָלט דינען פאַר דעם זאַל אויפצופירן דעם ספּעקטאַקל.

עטלעכע וואָכן פריער האָבן געגעבן גאַנץ גוטע רעזול־טאַטן. די אַמאַטאָרן האָבן נישקשהדיק באַהערשט זייערע ראָלן, און מען האָט גענומען אַ טראַכט טאָן וועגן דער דאַטע פון דער פּרעמיערע. ווען מ׳האָט מיר געוויזן די אומגעלומ־פּערטע לאַנגע הילצערנע בודע, איז מיר ממש פינצטער גע־וואָרן פאַר די אויגן. איך בין געווען זיכער אַז פון דער אויפ־פירונג וועט אַרויסקומען אַ קאַשמאַר, נישט קיין ספּעקטאַקל. קודם־כל, איז די אַקוסטיק דאָרט געווען ווי אין אַ מדבר. מילא, פאַר די מתפללים, וואָס האָבן דאָרט געפּראַוועט די תפילות בציבור, און זיי זענען נישט מחוייב געווען צו הערן די ווערטער, האָט דאָס נישט געקענט שטאַרק שאַטן. אָבער

פאַר שוישפּילער, וואָס דאַרפן טאָן זייער עבודה אויף דער בינע ביחידות און זייער טעקסט מוז געהערט ווערן דורכן עולם באַזונדער — דאָ, זעט איר, איז ביטער ווי גאַל. ווער וועט זיין ביכולת פון דער בינע צו מאַכן דערגיין זייערע טעקסטן צו די אויערן פונעם פּובליקום אינעם זאַל? פון קיין מיקראָפאָנען האָט מען נאָך אין יענער צייט נישט געוווּסט. דערצו נאָך האָבן די נידעריקע פענצטער אַרום דער בודע, מיינסטנס צעבראָכענע, וואָס האָבן באַלויכטן דעם באַראַק, צוגעגעבן „חן". מילא, פון רעפלעקטאָרן, איז דאָך שוין אָפּ־גערעדט. מען מוז אַרויסקומען אָן דעם. טאָ סאַראַ פּנים, האָב איך זיך געפרעגט, וועט האָבן אַ פאַרשטעלונג ביי אַזוינע אומשטענדן? צו וואָס, אויב אַזוי, טויג די גאַנצע מי און האָרעוואַניע? די דאָזיקע קשיות האָב איך כסדר געשטעלט די מענטשן פון דער קולטור־קאָמיסיע, דאָס זעלביקע האָט אויך געטאָן דער מחבר פון דער פּיעסע, וועלכן כ'האָב צוגע־נומען פאַר אַ שותּף צו מיינע גערעכטע טענות.

ביים איינשטעלן די פּיעסע מיטן אַנסאַמבל אין דער ווילע פון „בית הרצל", ווו ס'איז געווען רעזערווירט אַ באַקוועמער לאָקאַל פאַר די פּראָבן, איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלן צו טראַכטן, אַז ס'וועלן קאַפּויער קומען אַזעלכע טעכנישע שוועריקייטן פאַר דער אויפפירונג. דאָרט איז מען דאָך רק געזעסן על התורה ועל עבודה, ווי מען זאָגט. געגריבלט זיך, געשליפן, רעטושירט און באַמיט זיך וואָס מער אַרויסצוקוועטשן פון די אַקטיאָרן. ביי איינער אַזאַ פּראָבע איז, אַגב, געשען אַ קוריאָז, וואָס האָט באַשטעטיקט דאָס ווערטל: „די גאַנצע וועלט איז אַ קליין שטעטל".

נישט ווייט פון פעלדאַפינג, אין שטעטל דוטסינג, איז צווישן די אַמעריקאַנער באַזעצונג-טרופּן געווען אַ יידישער אָפיציר, וואָס האָט געשטאַמט פון גאַליציע. אין דער אַלטער היים איז ער אויך מסתמא געווען „געכאַפּט אין דער מעשׂה" און „געזינדיקט" מיט טעאַטער. דערוויסנדיק זיך וועגן דער עקזיסטענץ פון אַ טעאַטער-קרייז אין פעלדאַפינג, האָט זיך אַ פּנים אין אים דערוועקט דאָס „פינטעלע טעאַטער", און אין איינעם אַ טאָג האָט ער זיך אַריינגעשטעלט אין „בית הרצל" אין פעלדאַפינג, כדי בייצוזיין אויף אַ פּראָבע.

בעת אַ הפסקה האָט ער אונדז וואַרעם באַגריסט און זיך מיט אונדז אַ ביסל צעשמועסט. אַ וואָרט צו אַ וואָרט, גיב איך אים אַזוי, דרך-אגב, אַ פרעג: ווו וווינט אַ ייד אין אַמעריקע?

„אין ברוקלין" — ענטפערט ער.

„געהאַט, דוכט זיך, אַ פעטער ווינען אין ברוקלין" — טו איך אַ זאָג אַזוי ווי פאַר זיך.

„ווי איז געווען זיין נאָמען"? — פרעגט ער צוריק.

„דוכט זיך" — ענטפער איך אים — „אַז זיין נאָמען איז געווען וויזל? ער האָט געשטאַמט פון שטעטל זאַוויערטשע אין פוילן. די מומע, געדענק איך, האָט געהייסן חיה-שׂרה".

„סיידי? וויזל? דאָס זענען דאָך מיינע שכנים!" — טוט ער אַ רוף אויס — „זיי זענען מיינע בעסטע פריינד!" — פון איבעררראַשונג ווערט ער אַזש רויט אויפן פּנים, און איך, מסתמא, ווער ווייס ווי קאַלך פון דער אַזוי אומגעריכטער מיסטעריעזער ידיעה וועגן מיין מומע חיה-שׂרה, אָדער ווי ער רופט זי, סיידי, מיין פאָטערס לייבלעכע שוועסטער.

„כ'האָב זי געזען אַ מאָל ביי אונדז אין שטוב אין די מלחמה-יאָרן פון 1914—18. און לויט ווי כ'דערמאָן זיך, איז זי

געוועזן אַ יפת תואר, ממש ווי מען זאָגט, אַ מויד אַ צימעס. זי איז שפּעטער געפאָרן קיין אַמעריקע קעגן ווילן פון דער משפּחה און דאָרט האָט זי חתונה געהאַט מיט אַט דעם וויזל פון זאַוויערטשע".

„יעס, יעס. דאָס זענען זיי טאַקע, מיינע שכנים און חברים" — זאָגט ער שוין מיט דער גאַנצער זיכערקייט. ער האָט תיכף געבעטן ביי מיר דעם גענויעם נאָמען און אַדרעס, צוזאָגנדיק, אַז נאָך היינט וועט ער טעלעגראַפירן קיין ברוקלין צו מיין משפּחה און זיי איבערגעבן, וועמען ער האָט דאָ צופעליק באַגעגנט. אין אַ קורצער צייט אַרום האָב איך טאַקע באַקומען פון אַמעריקע אַ פּעקל מיט פאַרשידענע שפּייז־אַרטיקלען, צוזאַמען מיט אַ האַרציקן בריוו פון מיין פעטער און מומע. זיי פרעגן זיך אויך אָן, ווער נאָך ס'איז געבליבן לעבן פון דער משפּחה און זיי לייגן מיר פאָר צו קומען קיין אַמעריקע. זיי וועלן זיך באַמיִען דאָס אויסצופועלן ביי דער דאָרטיקער מאַכט.

עד כאן די אויסטערלישע מעשׂה. און ווי זאָגט מען אין די ביכלעך? לאָמיר איצט לאָזן שטיין דעם בן־מלך, דעם אַמעריקאַנער אָפיציר, און צוריקגיין צו דער בת־מלכה, צו דער פרעמיערע פון דער פאָרשטעלונג. הייסט עס, וואָס כ'הייב נישט אָן צו וויסן, ווי אַזוי זי וועט קאָנען צו שטאַנד קומען אין אַזוינע באַדינגונגען. אָבער קהל איז פאָרט קהל. מען האָט פאַרשטאַנען מיין לאַגע און נישט אויסגעטייטשט שלעכט מיין פאַרלאַנג, וואָס איז, אַגב, געווען כמעט ווי אַ באַדינג: אַז ווי באַלד ס'וועט נישט געגעבן ווערן, לפּחות אויף אַ צען טעג, אַ זאַל, כדי צו קאָנען איינשטעלן און אויספּראָבירן די

פיעסע אויף אַ בינע, מיט די מינימאַלע איינריכטונגען, וואָס זענען דערצו נויטיק, קאָן דערוויַיל קיין רייד נישט זיין וועגן דעם טערמין פאַר דער פאָרשטעלונג. מען איז ווי ווייט מעגלעך נאָכגעקומען דאָס געפאָדערטע און ס'איז געוואָרן באַשטימט דער טאָג פון דער פרעמיערע.

מיט צרות און מאַטערניש איז געוואָרן צונויפגעסטרי־געוועט דער ספעקטאַקל. די טישלער האָבן אויפגעשטעלט אַ בינע און בענק אין זאַל. עלעקטריקער האָבן זיך געפאָרעט איינצוריכטן ליכט־עפעקטן (גיכער דעפעקטן, מחמת מאַנגל אין דעם נויטיקן מאַטעריאַל). די פאָרהאַנג, דאָס אייגנ־טלעכע כישוף־וועגטל פאַר דער בינע, און אויך די דעקאָרן, זענען געוואָרן צונויפגעשטיקעוועט פון לייוונטענע זעק, וואָס זענען געקומען אין לאַגער אַריין מיט די אין זיי פאַרפאַקטע פראָדוקטן און מלבושים. די מאָלער האָבן געאַרבעט מעשׂים דאָס צו באַמאָלעוען, און ס'איז יאַקאָש געגאַנגען אַ גאַנג. מיט אַ פיבערהאַפטן אינטערעס האָט מען זיך געגרייט צו דער פרעמיערע.

כמעט אַלע איינוווינער פון פעלדאַפינג זענען געקומען אָנקוקן דאָס וווּנדער צווישן אַלע ווונדיירים: אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג פון קאַצעטלער פאַר קאַצעטלער. אַלע ווי איינער האָבן געשטראָמט און באַלאַגערט דעם זאַל צו דער פרע־מיערע. פאַר וואָס דען טאַקע נישט? האָט מען דאָך אַזוי לאַנג נישט געהאַט די זכיה צו זען אַ יידיש טעאַטער. ס'האָט נישט געהאָלפן דאָס כסדרדיקע מכריז ומודיע זיין אַ צייט פאַר דער פרעמיערע, אַז די פאָרשטעלונג וועט געשפילט ווערן עטלעכע מאָל, כדי אַלע זאָלן זי קאָנען זען; דערפאַר זאָל מען זיך אָפּהאַלטן און נישט קומען אַלע מיט אַ מאָל

אויף דער פּרעמיערע, כדי נישט צו באַשווערן אויסצופירן ווי געהעריק דעם ספּעקטאַקל. אָבער ווי! נישטאָ קיין געדולד צו וואַרטן. דער איינגאַנג איז געווען פריי, אָן שום אָפּצאָל, און ווי באַלד אַזוי, טאָ פאַר וואָס דאַרף איך זיין אַ קנאַפּערער יחסן פון יענעם, און ערשט מאָרגן גיין זען די פאָרשטעלונג, אַז איך קאָן דאָס טאָן שוין היינט? זאָלן אַנדערע גיין מאָרגן. אַזוי האָט מסתמא יעדערער ביי זיך געטראַכט. זענען בכן אַלע געקומען מיט אַ מאָל. אַזוי אַרום איז די אָווערטורע צום ספּעקטאַקל, וואָס דער אָרקעסטער האָט אַראַנזשירט פון די אַלע לידער אין דער פּיעסע, געוואָרן פאַרטראָטן מיט קולות, געשרייען און קריגענישן, צווישן דעם זיך שטופּנדיקן עולם אין זאַל. די אַקטיאָרן זענען, נעבעך, נישט געווען ביכולת צו באַהערשן דעם טומלדיקן עולם אין דער בודע, צו וועלכער ס׳איז קיין וואָרט פון דער בינע נישט דערגאַנגען. דערצו נאָך איז אין לאַגער פעלדאַפינג געווען אַ שבט פון גריכישע יידן, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיטן סאָדע־וואַסער־מסחר, און זיי האָבן די דאָזיקע משקה פאַרקויפט אויך אינעם זאַל בעת דער פאָרשטעלונג. מחמת דער שרעקלעכער היץ אינעם פולגעפּאַקטן זאַל, איז דאָס סאָדע־וואַסער־מסחר גוט געגאַנגען. די יידיקע פלעשלעך האָבן כסדר געקלונגען צום טאַקט אין די קוישן און צוגעגעבן דער פאָרשטעלונג דעם זיבעטן חן... די אינטערווענצן פון דער אָרדנונגס־פּאָליציי, אַז דער עולם זאָל זיך פאַרהאַלטן רויִק און אַז די גריכישע סאָדע־וואַסער־סוחרים זאָלן אויפהערן קלימפּערן מיט די פלאַשן — האָבן געהאַט אַ קנאַפּע פּעולה. אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז מען איז, במחילה, געווען געצוווּנגען צוריק צו פאַרציִען די פאָרהאַנג. אויף דער בינע זענען אַרויף דער פּרעזעס פונעם קאָמיטעט

און אויך דער אַמעריקאַנער קאָמענדאַנט שמידט, און מיט זייער גאַנצן כוח הדיבור אַפּעלירט צום עולם, געדראָט: אויב ס׳וועט נישט זיין רויִק, וועט דער ספּעקטאַקל בכלל נישט פאָרקומען. דאָס האָט געווירקט. די פאָרהאַנג האָט זיך צוריק געעפנט, און מען איז ווייטער אָנגעגאַנגען מיט דער פאָר־שטעלונג.

די צווייטע פאָרשטעלונג, אויף צו מאָרגנס, האָט געהאַט אַן אָנגענעמע איבערראַשונג, אַחוץ דעם, וואָס דער עולם דאָס מאָל איז געווען מער אַ קולטורעלער און דיסציפּלינירטער. פאַר דער פאָרשטעלונג איז געמאָלדן געוואָרן פון דער בינע, אַז דער היינטיקער ספּעקטאַקל וועט זיך אָנהייבן מיט אַ געוויסער פאַרשפּעטיקונג, מחמת דעם, וואָס מיר האָבן דעם כבוד צו האָבן דאָ אין זאַל אַלס גאַסט דעם גרויסן ציוניסטישן מנהיג דוד בן־גוריון, וועלכער ברענגט אונדז ברידערלעכע גרוסן פון ארץ־ישראל. ער וועט טאַקע פאַר אונדז באַלד דערשיינען. דער עולם האָט אים אויפגענומען מיט ענטוזיאַזם און געמאַכט שטורמישע אָוואַציעס. האָבן פאַר זיך אַזאַ פּער־זענלעכקייט, ווי דוד בן־גוריון, איז אין אַלע צייטן געווען אַ געשעעניש, אַ פשיטא אין יענע אומעטיקע טעג, ווען מען האָט געגאַרט צו הערן אַ וואָרט פון טרייסט און האָפענונג וועגן אונדזער ווייטערדיקן גורל פון אַזאַ בויער פון ארץ־ישראל, און אויך אָפּנעמען אַ גרוס פון די קעמפער פאַר אַ צוקונפטיקער יִידישער מדינה.

איז דעריבער גאָר קיין חידוש נישט, וואָס דער עולם איז געזעסן צוגעשמידט צו די פּלעצער און אויסגעהערט זיין רעדע, אַ פולע מיט בטחון, וועגן דעם לאַנד, וואָס וועט בקרוב

ווערן די שטענדיקע היים פֿאַרן גערודפֿטן און געפּלאָגטן ייִדישן פֿאָלק.

די אָפּשאַצונג איבער דער גרויסאַרטיקייט פֿון דער אויפֿפירונג האָט מען געקאָנט לייענען אויף דער וואַנטצייטונג אין „בית הרצל״, געשריבן מיט אַ פּען, פֿון ד״ר י. נאַווער, וועלכער איז, אגב, געווען נישקשהדיק באַהאַוונט אינעם טעאַטערגעביט. קיין אַנדערע אויסגאַבע איז נאָך דעמאָלט נישט געווען אין לאַגער פֿעלדאַפֿינג. ס׳האָט זיך ערשט געהאַלטן אין אָרגאַניזירן די וואָכן-צייטונג „דאָס פֿרייע וואָרט״, געדרוקט מיט לאַטייניִשע אותיות. די איינציקע שוין פֿאַראַנענע ייִדישע צייטונג אין מינכען, „אונדזער וועג״, אונטער דער רעדאַקציע פֿון לוי שאַליט, געזעצט מיט ייִדישע אותיות, האָט וועגן דער פֿאָרשטעלונג געשריבן לשבח. וואָס דען, אויב נישט שיקן ברכות פֿאַרן קאָלעקטיוו, אויב נישט ווינטשן דערפֿאָלג פֿאַר ווייטערדיקע שאַפֿונגען? איז דאָך דאָס די ערשטע ייִדישע טעאַטער-אויפֿפירונג נאָכן היטלער-מבול, בפֿרט נאָך — אַ פּיעסע מיט אַ נאַציאָנאַלן תוכן און ציוניסטישן אונטערשלאַק. דאָס לעצטע איז אפֿשר פֿאַר אַ טייל פֿונעם „ייִדישן אַרבעטער־קאָמיטעט״, אין וועלכן ס׳זענען געווען פֿאַרטראָטן, ווי שוין דערמאָנט, בונדיסטן, קאָמוניסטן וכדומה, דווקא נישט געווען שטאַרק צום האַרצן. און דאָס האָט זיי באַוווויגן זיך צו פֿאַרטראַכטן וועגן דער נייטיקייט פֿון אַזאַ וויכטיקן קולטור־פֿאַקטאָר, ווי ס׳איז ייִדיש טעאַטער פֿאַרן ייִשוב אין פֿעלדאַפֿינג, אָבער אָן ציוניסטישע אינהאַלטן. דאַרף מען נישט לאָזן פֿאַרלעשן דאָס נאָר וואָס אָנגעצונדענע פֿלעמעלע, נישט לאָזן צעפֿאַלן דעם קאָלעקטיוו נאָכן אָפּשפּילן די פּיעסע „בלוט

און פייער״, נייערט פילנעווען עס, אַנטוויקלען דאָס געשמאַ־פענע, אַריינגעמען אין די אייגענע הענט אַריין, דערמיט צו קאָנען דערגרייכן שאַפונגען פון אייגענעם געשמאַק, ריין קול־טורעלע, קינסטלערישע. דאָס איז געווען דער ציל פון די מענטשן פונעם „יִדישן אַרבעטער־קאָמיטעט״. זיי האָבן טאַקע צעמענטירט אַ קאָלעקטיוו פון פעיִקע מענטשן, כדי צו קאָנען באַדינען דעם לאַגער־עולם מיט פאַרשידענע טעאַטער־אויפ־פירונגען. מיך האָט מען אויך אַריינגענומען אין קרענצל און פאַרגעלייגט צונויפצושטעלן אַ פראָגראַם פון אַ קליינקונסט־ספּעקטאַקל.

טעאַטער „עמך"

בימים ההם האָט זיך אויך שוין געהאַט אָרגאַניזירט אין פעלדאַפינג אַ יִדישער כאָר — דער ערשטער יִדישער כאָר אין בייערן — אונטער דער אָנפירונג פון דעם באַגאַבטן דירי־גענט לייבל פינגערהוט. דער בראשית ברא פון אַזאַ קולטור־יצירה האָט געקאָנט געשען נאָר ביי אַזאַ „עם קשה עורף", ווי די יִדן זענען. דער גרונטשטיין פאַר דעם געשאַפענעם כאָר איז געלייגט געוואָרן אינעם קעלער פון אַ טישלער־וואַרשטאַט. אויך די פּראָבן זענען דאָרט פאָרגעקומען. דער דיריגענט, לייבל פינגערהוט, וועלכער האָט געשטאַמט פונעם ווילנער סעמינאַר, איז אויך איינצייטיק געווען דער פּעדאַגאָג. ער האָט געלערנט און אָפּגעהיטן די ריכטיקייט פונעם וואָרט־אויסדרוק, פּונקט ווי דעם ריינעם טאָן און קלאַנג פונעם ליד. אינעם כאָר פלעגן זיך כסדר אָנשליסן אַלע, ביי וועמען ס'איז געווען אַ חוש פאַר יִדישער נגינה, און אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געפילט דעם חוב ממשיך צו זיין מיטן יִדישן ליד. אַזוי אַרום האָט דער כאָר זיך אויסגעברייטערט, פאַרגרעסערט זיך פון טאָג צו טאָג און דערגרייכט די צאָל פון איבער אַכציק מיטגלידער — פרויען, מענער, בחורים און מיידלעך, וועמענס גרעסטער טייל האָט געשטאַמט פון און אַרום ווילנע. צוליב דעם וווקס פונעם כאָר, האָט דער „יִדישער אַרבעטער־קאָמיטעט", וואָס האָט אויך דעם כאָר געהאַלטן אונטער זיינע פליגל, זיך געזען געצוווּנגען צו שאַפן אַ גרעסערן לאָקאַל, הן פאַר דער טעטיקייט פונעם כאָר, און גלייכצייטיק זאָל ער

דינען אויך פאַר אַנדערע קולטור-צווייגן. אין דער ערשטער ריי, פאַרשטייט זיך, פאַר טעאַטער-טעטיקייט. צו דעם צוועק האָבן זיי באַזאָרגט אַ ווילע פאַר אַ קולטור-היים אין פעלד-אַפינג. דאָרט האָט זיך טאַקע אויסגעפיקט דער אין דייטשלאַנד באַרימט געוואָרענער טעאַטער „עמך", וואָס איז, אַגב, אויס-געוואַקסן ווי אַ ריפּ פונעם כאָר, פון וועלכן דער טעאַטער האָט גענוצט די פעיִקע בחורים און מיידלעך צו טעאַטער-אויפפירונגען. דער כאָר, ווי אַזעלכער, האָט אויך בייגעשטיי-ערט מיט עטלעכע לידער צו יעדן ספּעקטאַקל.

ביי די גרינדער פון דעם „עמך"-טעאַטער איז געווען גוטער ווילן, ערלעכע כוונות, ביים געשאַפענעם אַנסאַמבל איז געווען חשק צו שפּילן טעאַטער, ס'האָט אָבער געפעלט איין קליי-ניקייט: סצענישער מאַטעריאַל אויף צו קענען מיט אים אויפבויען אַזאַ פאָרשטעלונג. היות אָבער ווי דער רצון איז געווען דערביי גרויס, האָבן מיר געזויגן פון זיך די לעצטע זאַפטן פונעם אַמאָליקן לערנען און לייענען, און אַ ספּעק-טאַקל איז דעמאָלט באַשאַפן געוואָרן דערפון, וואָס ביי מאַנכע חברים פונעם קאָלעקטיוו זענען פאַרבליבן אינעם זכרון סצענקעס פונעם אַמאָליקן „אַראַראַט-טעאַטער". מען האָט גענומען באַאַרבעטן און איינשטעלן — און דערפון איז גע-בוירן געוואָרן די ערשטע רעווי-פאָרשטעדונג „זאָל לעבן עמך". פון דאַנען איז געבליבן פאַרן טעאַטער דער נאָמען „עמך".

אַוודאי האָבן אויך נישט געפעלט קיין קאָפּ-דאַרענישן וועגן די „צודאַטן" פאַרן דאַזיקן ספּעקטאַקל, ווי, למשל, טיפּיש ייִדישע קאָסטיומען און אַקסעסואַרן, וואָס ס'איז נישט מעגלעך געווען צו שאַפן. איך האָב אויך דעמאָלט איינגעשטעלט אַ פראַגמענט פון אַנ-סקים „דיבוק": די סצענקע, ווען סענדער

דער כאָר פון טעאַטער „עמך".



1טע שורה פון רעכטס: דוד באראנאווסקי, בארטשיק זאקהיים, שפרעכער און גרינבוים. 2טע שורה: יאבלאנאוויטש, פערלמוטער, ראבי. 3טע שורה: אבראמאוויטש, סענגערהויז, קירשנבלאט. 4טע שורה: ווייגבערג, באראַוויק, צעלניק.

די גרינדער פון דראַמאַטישן קרייז „עמך".

ס״ פון משה בראדערזאָ.

„פסול־טריפה״.

רעכטס: „כאַלראַטלער״.
לינקס: „יידל מיטן פידל״

די ערשטע רעווי פאַרשטעלונג פון „עמך״ „זאָל לעבן עמך״.

ברייניצער, פאַרנדיק צוריק פון קלימאַוועקע, ווו ער האָט גע־שריבן תנאים מיט זיין טאָכטער לאהלע, קומט אין קלויז אריין צו זיינע אנשי שלומינו, זיי אַנצוזאָגן די גוטע בשורה, און מען מאַכט דערביי אַ לחיים מיטן קנאַק. מילא, מיט די בגדים פאַר די בטלנים און די אַנדערע אַנטייל־נעמער אין דער סצענקע, איז נאָך געווען ווי עס איז צו דערליידן, דאָס האָבן אויפגעסטריגעוועט די שניידערס, שוסטערס און היטל־מאַכערס פון וואָס ס׳האָט זיך געלאָזט; דאָן האָט מען די זאַכן איבערגעפאַרבט אויף די נויטיקע קאָלירן — און פטור אַן עסק. ערגער איז אָבער געווען מיט אַ לייטישן יידישן מלבוש פאַרן גביר ר׳ סענדער ברייניצער, וואָס דאַרף, מער־ווייניקער, זיין צוגעפּאַסט צו זיין ראָל. איין קלייניקייט, דער גרעסטער גביר פון ברייניץ אַזוינס איז אָבער בקיין פאַל נישט מעגלעך געווען צו באַקומען. די גרייזאָטע ביים שוישפּילער, און נאָך מערער ביים איינשטעלער, האָט געפייניקט אין לשער. ס׳האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז מען זאָל די סצענקע, פּראָסט און פשוט, אַרויסנעמען פונעם פּראָגראַם, וואָס איז, אַגב, אַזוי אויך שוין נישט געווען צו שטאַרק אָנגעלאָדן. ערשט אין דער לעצטער מינוט, ממש פאַרן עפענען דעם פאָרהאַנג צו דער פאָרשטע־לונג, האָט זיך איינער פון די גרינדער פונעם טעאַטער מרחם געווען, געבראַכט אַזש פון מינכען עפּעס אַ פּאַלטן מיט אַ סאַמעטענעם קאָלנער, און דערמיט געראַטעוועט די סיטואַציע. דער דאָזיקער בגד וואָלט, אַגב, גיכער געפּאַסט פאַרן חתן־בחור, איידער פאַרן הדרת־פּנימדיקן גביר ר׳ סענדערל ברי־ניצער. ס׳איז אָבער נישט געווען עפּעס בעסערס.

די אַלע שוועריקייטן האָבן פון דעסטוועגן נישט גע־שטערט, אַז די פאָרשטעלונג זאָל געפעלן ווערן דעם עולם.

אַ סך פון זיי האָבן געמאַכט אַ שהחיינו איבער די ערשטע שפּראָצן פון יידישער קולטור נאָכן היטלער-קאַטאַקליזם און דער אָפּקלאַנג פון דער פאָרשטעלונג האָט זיך באַלד צעטראָגן אין די אַנדערע יידישע ישובים אין דייטשלאַנד, ווו מיר זענען געוואָרן פאַרבעטן צו קומען אַהין אויך זיי מהנה זיין. מיר זענען געפאָרן קיין מינכען, שטוטגאַרט, לאַנדסבערג, פראַנק-פורט, פערנוואַלד און אומעטום ווו ס'איז געווען קאָנצענ-טרירט אַ גרעסערער עולם יידן. געטאָן האָט מען עס מיט פאַרגעניגן. פאַר וואָס דען נישט? זאָלן נאָך יידן זען און טאַקע הנאה האָבן פון אַ יידישער פאָרשטעלונג. און אַזוי איז אויך געשען מיט די אַנדערע אויפפירונגען פון דעם מין: „די פריילעכע חבריה", „מנחם-מענדל לעבט", „פון אַלץ צו ביסלעך", „די שונאים צולאַכעס" (להכעיס) און „מען קען גאָרנישט וויסן". די דאָזיקע אַלע פאָרשטעלונגען זענען באַ-שאַפן געוואָרן מיט די אויבן אויסגערעכנטע באַשיידענע מיטלען און מעגלעכקייטן. אַ סך טעקסטן זענען געשאַפן גע-וואָרן דורך די חברים פון קאָלעקטיוו; ס'זענען אויך געוואָרן אינסצעניזירט לידער, און עולם האָט אַלץ ב"ה גוט פאַרדייט...

ביז אין איינעם אַ טאָג איז, ווי פון הימל צוגעשיקט, אַריינגעפאַלן צו אונדז דאָס בוך מיט ש. אַנ-סקים באַרימטע טעאַטער-פּיעסן „דער דיבוק" און „טאָג און נאַכט". די גרויסע שמחה, וואָס האָט מיך באַהערשט אין יענעם טאָג, בעת מען האָט מיר אַ וויז געטאָן דאָס אַלטיטשקע ביכל, פיל איך נאָך עד היום, יעדעס מאָל, ווען דאָס קומט מיר אויף מיין זיכרון. כ'האָב פשוט דערמיט זיך צעטאַנצט, עס געקושט און צוגע-דריקט צום האַרצן מיט ליבשאַפט. אין די אויגן פון דעם ייִד, וואָס האָט מיר דערלאַנגט דאָס ביכל, האָב איך מסתמא

די צווייטע רעווי־פאַרשטעלונג פון ,,עמך" ,,די פריילעכע חבריה"



,,ביים רבי'ס טיש".

הינדע גאָלאָב
און ,,נבואה־ריי".

,,אַפּטיר".

,,האַנטרענטשיקעס".

,,דועט־טאַנץ".

אויסגעזען, ווי אַ חסר־דעה ר״ל. דאָס האָט זיך אַרויסגעפילט פון זיין איראָנישן שמייכל און פון זיין באַדויערנדיקן צושאָק־לען מיטן קאָפּ, ווי איינער זאָגט: נעבעך, אַ צעדרייטער...

כדי צו פאַרענטפערן זיין נישט אַרויסגעזאָגטע השערה, זאָג איך צו אים:

„דו ווייסט כאָטש סאַראַ אוצר דו האָסט מיר געבראַכט? נישטאָ קיין פּרייז דערפאַר״.

און באמת אַזוי. איין קליינקייט! אַנ־סקים „דיבוק״, מיין טרוים אין חושכדיקע קאַצעט־נעכט, אַז כ׳זאָל נאָך האָבן די

טעאַטער־קאָלעקטיוו „עמך״.

זכיה דאָס דאַזיקע ווערק ווידער צו זען אויף דער ייִדישער בינע.

וואָס אַן אמת, האָב איך דעם גרעסטן טייל טעקסט פון „דיבוק" געקענט פון אויסנווייניק. כ'האָב אַפילו שוין געהאַט געטראַכט זיך אַנצושטרענגען און פּרוּוון אויפשרייבן די פּיעסע, כדי עווענטועל זי אויפצופירן אויף דער בינע. אויב איך האָב דאָס נישט געטאָן, איז עס געווען מחמת דרך־ארץ פאַרן שאַפער פון אָט דעם אומשטערבלעכן ווערק. ס'איז ביי מיר געווען גרויס די אַחריות און די מורא נישט צו זיין פּינקטלעך מיט זיין שאַפונג. אָבער איצט, אַז מען האָט פאַר זיך דעם טעקסט בכבודו ובעצמו, טאָ ווי אַזוי זאָל מען נישט זיין מלא שמחה? בפרט נאָך, ווען דו זעסט פאַר זיך אַ מעג־לעכקייט אויפצופירן די פּיעסע מיטן „עמך"־טעאַטער.

דער „דיבוק"

הגם כ'האָב שוין געהאַט צייט צו דערקענען דעם קאָלעקטיוו מיט זיין ערנסטער באַציִונג צו דער טעאַטער־עבודה, האָב איך פון דעסטוועגן מיין פּלאַן אויפצופירן דעם „דיבוק" ווי אַ באַזונדערע פאָרשטעלונג, דערווייל נאָך געהאַלטן בסוד, כדי ביז וואָס־ווען זאָל איך נישט אויסזען אין זייערע אויגן ווי אַ פאַנטאַזיאָר, וואָס וואַגט זיך צו פאַרמעסטן, ביי די מיזערנע באַדינגונגען, אויפן גרויסן יידישן טעאַטער־ווערק. איז וואָס זשע טוט מען? ווי אַזוי מאַכט מען, אַז מיין גאַנצער פּלאַן זאָל נישט ווערן צערונען און צעפליִען, ווי דער רויך מיטן ווינט? האָב איך ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ראשית כל, זאָל איך באַאַרבעטן די פּיעסע, זי זאָל זיין גרייט פאָרצולייענען בפרהסיה. דהיינו, ס'זאָל ווערן איינגעאָרדנט אַ לייענאָוונט פון דער פּיעסע אינעם לאָקאַל פון „קולטור־היים" און „כל דיכפין ייתי וייכול" — ווער ס'וועט האָבן חשק און אינטערעס, זאָל קומען הערן. דערנאָך וועט מען אפשר אַ שמועס טאָן מכוח אַן אויפפירונג אויף דער בינע. וואָס איז דאָ פאַראַן איינצושטעלן? — האָב איך זיך געטראַכט — נישט מער ווי מיינער אַ צוויי־שעהדיקער אָנשטרענג. היות אַזוינע אָוונטן זענען נאָך אין יענער צייט געווען אַ זעלטנהייט, דער איינגאַנג איז דאָך במילא פריי, טאָ זאָלן יידן, וועלכע ווילן הערן אַ יידיש וואָרט, דאָס טאָן. מיט די ווערטער האָב איך דערקלערט מיין פאָרשלאָג בעתן פאָרלייגן אים פאַרן קאָלעקטיוו. חברה האָבן דערויף מסכים געווען און תיכף באַקאַנט

געמאַכט פאַר די לאַגער־ייִדן אין פעלדאַפינג דעם טאָג און די שעה פון אָט דעם רעציטאַציע־אָוונט.

הלמאַי זאָל מען דאָס באַהאַלטן? אונדזער סאַטיספאַקציע אין יענעם אָוונט איז געווען גרויס שוין דערפון, וואָס דער לאָקאַל פון „קולטור־היים״ איז געווען געפּאַקט מיט באַזוכער. הייסט עס, האָב איך געטראַכט, אַז ס׳איז פאַראַן אַ חוש און אויך דער אינטערעס דאָס צו הערן לייענען. און כ׳האָב שוין כמעט ווי געפּילט דעם דערפאָלג פון מיין פּלאַן דאָס ווערק אויך אויפצופירן. מחמת, אויב עס זענען פאַראַן אַזוי פיל בעלנים אויף בלויז צו הערן לייענען, וועלן דאָך, על אחת כמה וכמה, זיין בעלנים צו זען די אויפפירונג אויף דער בינע.

הכלל, דער טעאַטער־קאָלעקטיוו, די הויפּט־מחותנים און די צו מיינסטן פאַראינטערעסירטע צו הערן דאָס ווערק, האָבן זיך געזעצט אין די ערשטע רייען. דאָס זעלביקע אויך די קולטור־קאָמיסיע און די לאַגער־אָנפירונג. נאָכן מעלדן פונעם פאָרזיצער, אַז דאָס לייענען הייבט זיך אָן, איז דער עולם געבליבן שטיל און אין דערוואַרטונג.

ווי ביים שליח־ציבור אין די ימים־נוראים פאַר זיין תפילה „הנני העני ממעש״, האָט אויך ביי מיר דעמאָלט אינעם האַרצן געפּלאַטערט אַ בקשה: „היה נא מצליח את דרכי אשר אנוכי הולך״. מאַך מיך, גאָטעניו, באַגליקן אין מיין וועג, מיין שליחות אויסצופירן.

ווי שטאַרק מיינע אויגן זענען געווען פאַרטאָן אינעם ביכל, האָב איך פון דעסטוועגן געפּילט אַלעמענס בליקן אויף מיין פּנים — אַ סימן מובהק, אַז דער דרך־ארץ פאַר דעם דאָזיקן ווערק און זיין באַשאַפער איז פאַראַן. כ׳האָב דעמאָלט זיך באַמיט אָנצווווענדן אַלע כוחות אויף געפעלן צו ווערן.

כ׳האָב זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז מיט מיין לייענען די פּיעסע דאַרף איך באַליינגן, אַזוי צו זאָגן, דעם עקזאַמען, מען זאָל מיר טרויען אויפצופירן דאָס דאָזיקע גרויסע טעאַטער־ווערק. איז גרוים געווען מיין פרייד, ווען נאָכן פאַרענדיקן לייענען די פּיעסע, האָבן געהילכט שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן.

בקיצור, איך האָב מיין ערשטן ציל דערגרייכט: נאָך אין יענעם אָוונט איז געקומען די הסכמה פון דער לאַגער־אַנפירונג, דער קולטור־קאָמיסיע און פונעם „אַרבעטער־קאָמיטעט" צו באַווייזן דאָס דאָזיקע ווערק אויף דער בינע. דער איינציקער ספק ביי זיי איז געווען דער כוח פונעם אַנסאַמבל, וואָס פלעגט ביז אַהער אויספירן בלויז סצענקעס פון אַ לייכטערן זשאַנער. ובכן, צי איז דער דאָזיקער טעאַטער־קאָלעקטיוו ראוי זיך צו פאַרמעסטן אויף אַזאַ זאַך? איך האָב געפּרוּווט אָפּשוואַכן זייערע ספקות און זיי איבערצייגן צו גלייבן אינעם כוח פון דעם זייער פעיִקן קאָלעקטיוו. אַז זיי ווילן, בלי ספק, קאָנען אויסטראָגן די ראָלן זייערע; ביי אַ גוטן ווילן און אַ סך אַרבעט וועט מען דאָס דערגרייכן.

געוויסע מיטגלידער פונעם טעאַטער־קאָלעקטיוו, וועלכע האָבן נאָך געדענקט דעם „דיבוק", אויפגעפירט דורך דער „ווילנער טרופּע", זענען אויך געווען באַהערשט פון אַזאַ פחד־געפיל. זיי האָבן שוין באַציימטנס באַקומען אַ מין טרעמע און זיי זענען נישט געווען איבערצייגט, אַז דאָס זאָל קאָנען רעאַליזירט ווערן. איך האָב די דאָזיקע חברים געפּרוּווט באַרויִקן, זיי אויפקלערן און אָפּשוואַכן זייער פּעסימיזם. האָב איך זיי געזאָגט, אַז דערווייל וועט מען דאָס ווערק בלויז שטודירן, שמועסן דעריבער, מחמת ס׳איז סתם כדאי זיך נענטער צו באַקענען מיט אַזאַ וואָגיק ווערק, און בעת אַט

דער סטודיע וועט מען פעסטשטעלן, אויב דאָס קאָן ווערן אַ יש פאַר אַן אויפפירונג. ווי באַלד נישט, אויב וועט מען איינזען, אַז ס'איז פּראַקטיש נישט מעגלעך דאָס צו שטעלן ווי אַ גאַנצקייט, וועט מען דערפון, לפחות, קאָנען אויפפירן פראַגמענטן.

אָבער היות ווי דעם גרעסטן טייל חברים פונעם אַנסאַמבל האָבן שוין שטאַרק געלאָקט די ראָלן, וואָס זיי האָבן זיך שוין געהאַט אָנגעמאָסטן, האָבן זיי געהאַלטן, אַז מען דאַרף דאָס ווערק יאָ אויפפירן ווי אַ גאַנצקייט, און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צוצוטרעטן צו די פּראָבן. מען האָט צעשריבן די ראָלן, זיי פאַרטיילט דעם קאָלעקטיוו, און מיט התלהבות גענומען איינשטעלן דעם ערשטן אַקט.

קלאָר, אַז נאָכן באַקענען זיך פון אַנסאַמבל מיט די ראָלן, האָבן חברה ממש זיך פאַרליבט אין זיי, און קיינער האָט מער נישט געוואָלט הערן פון אַרויסלאָזן אַזוינס פון האַנט.

וואָס טוט מען אָבער מיטן כלל „אם אין קמח אין תורה", וואָס איז אויך איצט חל, מחמת דער מאָגן האָט תמיד דאָס ערשטע וואָרט. דערצו דאַרף מען זיך נאָך איצטער אַוועק־זעצן קנעלן טאָג־איין טאָג־אויס, קומען אויף פּראָבן און דערנאָך לערנען די ראָלן אין שטוב, טאָ ווער וועט געבן פּרנסה? אמת טאַקע, אַז פון דער חיונה, וואָס מען באַקומט צוגעטיילט, קאָן מען נישט שטאַרבן פון הונגער, מען דאַרף דאָך אָבער די שטוב באַזאָרגן מיט עפּעס אַנדערש אויך. טאָ ווער וועט זיך דערמיט פאַרנעמען? בפירוש גערעכטע טענות. מען האָט דאָס איבערגעגעבן דאָרט, וווּ מען דאַרף, און באַ־קומען אַ צוזאָג דעם ענין צו לייזן על צד היותר טוב.

נישט ווייט פון דער אין דייטשלאַנד באַרימטער ספּאָרט־געגנט גאַרמיש־פּאַרטענקירכען, אין דער טיף פון אַ געדיכטן סאָסנע־וואַלד, איז געשטאַנען איינער אַליין אַ גרויסער פּאַלאַץ, וואָס איז געווען פאַרזען מיט אַלע נויטיקע באַקוועמלעכקייטן. דעם פּאַלאַץ האָבן די היטלעריסטן אויפגעבויט, ער זאָל זיי דינען פאַר געהיימע זיצונגען און באַראַטונגען פון מלוכה־מענער און מיליטער־לייט, און אפשר גלייכצייטיק אויך פאַר זייערם אַן אָפּרו־אָרט. די דאָזיקע געביידע האָט די לאַגער־אָנפירונג פון פעלדאַפינג איצט באַקומען ווי אַן אָפּרו־אָרט פאַר ייִדן, וואָס נויטיקן זיך אין דעם. דער פּאַלאַץ האָט געהאַט זיין שטענדיקע באַדינונג (דייטשע פרויען און מענער) פאַר דער קיך, די צימערן און בכלל פאַרן געברויך פון די מענטשן, וואָס זענען דאָרט געקומען אַהין זיך אָפּרוען.

כדי דער טעאַטער־קאָלעקטיוו זאָל פאַר דער צייט פון איינשטודירן דעם „דיבוק" זיין אויסגעטאָן פון טאָג־טעגלעכע דאגות פרנסה, האָט די לאַגער־אָנפירונג באַשלאָסן אים אַהין צו שיקן, כדי צי קאָנען דאָרט רויִק זיצן און עוסק זיין לשמה, אָנגיין מיט דער אָנגעשטרענגטער אַרבעט פון איינשטעלן די פּיעסע.

אינעם דאָזיקן פּאַלאַץ האָט זיך אויך געפונען אַ קליינער זאַל מיט אַ בינע. ווייזט אויס, כדי דאָרט צו פאַרווילן די הויך־געשעצטע נאַצי־מחבלים. איצטער ווען זיך מיט דעם באַנוצן זייערע נעכטיקע קרבנות און מאַכן דאָרט פּראָבן איבער אַ טעאַטער־ווערק פון אַ ייִדישן שרייבער. אין דעם אַליין איז שוין געווען אַ שטיק נקמה.

בעת אונדזער וווינען אין דעם דאָזיקן אָפּרוהויז, פלעגן קומען אַהין די פאַרנעמסטע לייט פון לאַגער פעלדאַפינג און

דאָרט פאַרברענגען די רוטענע פון סוף וואָך. דער קליינער זאַל מיט דער בינע האָט דעריבער אויך געדינט פאַרן „עמך"-אַנסאַמבל אויף צו פאַרוויילן די וויקענדיסטן. ווער ס'האָט דאָס געטאָן מיט אַ ליד, ווער מיט אַ מאָנאָלאָג, מיט אַן אימפּראָוויזירטן סקעטש, אַנעקדאָט און וויץ. אָפט מאָל האָט מען גענומען אויפן צימבל עמעצן פון דער לאַגער-אָנפירונג, אימיטירט זיין אופן רעדן, זשעסטיקולירן, פירונג וכדומה. עולם האָט זיך משמח געווען. „עמך", פלעגט מען זאָגן, לאַכט און וויינט גלייכצייטיק. „עמך" זינגט:

זאָל לעבן עמך
פון אַלע פאַכן!
דו מעגסט דאָך, עמך,
פון אַלע לאַכן.
דו האָסט פיל מעלות,
כאָטש האָסט קיין געלט.
פרעג נישט קיין שאלות,
לאַך פון דער וועלט.

(לייטמאָטיוו פון דער ערשטער רעווי-פאַרשטעלונג א"נ „זאָל לעבן עמך")

אין אָט דעם פאַרוואָרפענעם ווינקל, אין יענעם פּאַלאַץ, פון וואַנען נאָר איין סטעזשקע האָט געפירט צו דער דרויסנדיקער וועלט, איז די אַרבעט איבערן איינשטעלן דעם „דיבוק" געווען אַן אינטענסיווע און געגעבן גוטע רעזולטאַטן. נאָך זעקס וואָכן איז געגעבן געוואָרן די פּרעמיערע אין דעם

ערשטן טאָג חול המועד פסח פונעם יאָר נײַנצן זעקס און פערציק.

פונקט ווי ייִדן פלעגן אַ מאָל זיין פאַרפּאַרעט אין דער פּסח־וואָך מיטן גרייטן זיך צום חג המצות, אַזוי איז אין יענע פאַרפּסח־טעג אָנגעגאַנגען דאָס גרייטן זיך צו דער פרעמיערע פון „דיבוק", וואָס דאַרף דאָך פאָרקומען אין אַ דאָפּלטן זמן־חרותינו: זכר ליציאת מצרים און די מפלה פונעם היטלעריזם. ייִדן האָבן איבערגעלעבט היטלערן און דערלעבט ווייטער צו קאָנען ממשיך זיין מיט ייִדיש טעאַטער.

ווי נאָר דער מאָלער־קאָלעקטיוו האָט פאַרענדיקט און צעקלעפּט די אַפישן, האָט דער לאַגער פעלדאַפינג ממש גענומען גיין, ווי אויף רעדלעך. הימל און ערד — און פרע־מיערע. אַלע בעלי־מלאכות פון די לאַגער־וואַרשטאַטן זענען געשטעלט געוואָרן לרשות פון דעם דאָזיקן צוועק. שניידערס האָבן אויפגעניים זשופּעצעס, שוסטערס האָבן אויפגעקלאַפּט פאַנטאָפּעלעך, היטל־מאַכערס האָבן אויפגעשטעלט היטעלעך. אין קליינקייט — באַקליידן איבער צוואַנציק ראָליסטן, אַחוץ סטאַטיסטן, במשך פון איין וואָך, איז אין דער נאָר־מאַלער צייט אַפילו נישט געוועזן קיין שפּילעכל, דערצו נאָך — אין יענע מיזערנע באַדינגונגען. די פרויען־קליידער האָט מען ווי עס איז צוגעפּאַסט פונעם „אונררא"־באַקליידונג־מאַגאַזין. די טעכנישע קאָמיסיע האָט געאַרבעט מעשים צו באַזאָרגן די מינימאַלע נויטיקע רעקוויזיטן. וואָס זיי האָבן מיט ניסים צוזאַמענגעשטעלט. אַ שופר אַרויסצוטרייבן דעם דיבוק איז אָבער נישט געווען בנמצא. האָט דער טישלער אים אויס־געשניצט פון האָלץ. דעם קול־שופר גופא האָט דערלאַנגט דער קלעזמער אויף זיין קלאַרנעט אַזוי קלאָר און דייטלעך,

וואָס נישט איין בעל־תוקע וואָלט זיך עס געוווּנטשן. אַ טלית פאַרן מיראָפּאָלער צדיק, און דווקא מיט אַ פּרעכטיקער עטרה, האָט אויסגעבאָרגט דער יונגער, מאָדערנער רב. מײַנער אַ לאַנגער חבר פון קופּערינג (לעבן דאַכאַו). ער האָט נישט געהאַלטן, אַז ס'וועט זײַן אַ חילול הקודש, אויב ר' עזריאלקע מיראָפּאָלער וועט אין זײַן טלית אַרויסטרײַבן אַ דיבוק פון אַ ייִדישער טאָכטער, אַפילו ווען דאָס געשעט אויף דער בינע. ער האָט אָבער געבעטן דאָס נישט מפרסם צו מאַכן, אַז ס'זאָל נישט דערגיין צו די פרומע ייִדן דאָרט, יענע זאָלן אים דערפאַר נישט דורסן, קנסנען, האַלטן אים פאַר אַן אַפּיקורס און אים אפשר מעביר זײַן דערפאַר ווי זייער מרא־דאתרא.

אָבער די צײַט שטייט נישט, די טעג לויפן, ווי אַ ווײַכער, און אָט איז שוין באַלד אָנגעקומען דער טאָג פון דער גענעראַל־פּראָבע, ווען אַלץ באַדאַרף שוין זײַן פּיקס און פּאַרטיק. כדי די דעקאָראַציעס זאָלן זײַן גרייט צו דער צײַט, האָבן די מאָלערס געהאָרעוועט אַ גאַנצע נאַכט ערב דער גענעראַל־פּראָבע. נישט מער, אַנשטאָט דעם אַלטן בריניצער קלויז מיט זײַנע פאַרווײַנטע ווענט, האָבן זיי גאָר אויסגעמײַסטערט אַ פּרעכטיקע שיינע און צאַצקעדיקע שול, פריש און נײַ, גלײַך פון דער נאָדל אַרויס. פון דער פּראַכט, וואָס האָט אַראָפּגע־שײַנט פון די ווענט, איז מיר אַזש פינצטער געוואָרן פאַר די די אויגן. דעם מצב האָט גערעטעוועט אַ חבר פון קאָלעקטיוו, אויך אַ מאָלער: ער האָט מיט זײַן פּענדזל פּראָסט און פּשוט אַ ביסל פאַרמיאוסט די שיינקייט, און דאַן האָט עס ערשט באַקומען אַ שטיקל בריניצער פּנים.

באַגינען. ס'איז שטיל און רויִק. זעלטן זעט מען עמעצן זיך באַוועגן אין לאַגער. די זון הייבט אָן בײַסלעכווײַז זיך

אַריינצוגנבענען דורכן אָפענעם פענצטער. אין בלאָק־צימער שלאָפן נאָך מיינע מיטווױנער גאַנץ געשמאַק, פאַרוויגט פון דעם פרילינג־אַראָמאַט, וואָס דרינגט פונעם דרויסן. זיי, מיינע שכנים ווייסן נישט, אַז לעבן זיי ליגט עמעצער שוין שיינע שעהען מיט אָפענע אויגן און איז פאַרטיפט אין אָן אַ שיעור מחשבות און זאָרגן. מען טאָר אָבער קיינעם נישט שטערן דעם שלאָף, מען מוז געדולדיק וואַרטן ביז חברה וועלן זיך אויפוועקן, און דאַן וועט מען קאָנען אַרויסגיין, אַוועק צו עט־לעכע שוישפּילער אָדער צום בינע־טעכטיקער מיט נאָך עטלעכע אָנווייזונגען, וואָס מען האָט נישט באַוויזן צו מאַכן נעכטן, אויף דער גענעראַל־פּראָבע. כ׳וועל נישט איבערטרייבן זאָגנדיק, אַז אַזוי ווי דער נשמה־ציטער ביי יִידן צו כל־נדרי, מיט אַזאַ געפיל האָט מען זיך געגרייט צו דער פּרעמיערע אין יענעם אָוונט.

איך האָב געדענקט די אומאָרדענונג בעת די פריִערדיקע פאָרשטעלונגען, צוליב דער שטופּעניש פונעם עולם אין זאַל אַריין. פאַר אַזאַ ערנסטער אויפפירונג וואָלט אַזאַ זאַך געקאָנט ברענגען אַ פיאַסקאָ. דאָס דאַרף מען איצטער אומבאַדינגט זען אויסצומיידן. עס זענען דעריבער צוגעגרייט געוואָרן אַ מין איינטריט־קאַרטן (אָן אַן אָפּצאָל), וואָס זענען צוגעטיילט געוואָרן צו יעדן בלאָק מיט אַ נאָרמע פאַר יעדער פאַרשטע־לונג. די דאָזיקע פּיעסע איז געגעבן געוואָרן אַ גאַנצע וואָך, כדי אַלע יִידן זאָלן זי קאָנען זען.

מילא, די איבערלעבעניש אין יענע מינוטן, בעת ס׳האָט זיך געעפנט דער פאָרהאַנג, איז נישט שייך איבערצוגעבן. צו דער פּרעמיערע זענען געקומען טעאַטער־מענטשן, קינסט־לער, רעדאַקטאָרן פון פאַרשידענע ערטער אין דייטשלאַנד.



י. טורקאָוו און אַ. יאַכימאָוויטש.

צווישן די געסט זענען געווען: דער פּאָפּולערער שוישפּילער און רעזשיסער יאָנאַס טורקאָוו, דער שעף־רעדאַקטאָר פונעם אילוסטרירטן זשורנאַל „די יידישע רונדשוי", ישׂראל בלו־מענפעלד, מיט זיין פּאָעטאַ־רעפּאַרטער, אויך דער טעאַטער־קענער און קריטיקער, מיטאַרבעטער פון דער מינכענער יידישע צייטונג „אונדזער וועג", דוד פערגאַמענט, און נאָך אַנדערע יידישע פּען־מענטשן און קולטור־טוער, וואָס האָבן אין יענער צייט זיך געפונען אין דייטשלאַנד. זיי אַלע האָבן וואַרעם זיך אַרויסגעזאָגט וועגן דער אויפפירונג. אַזוי, למשל, האָט יאָנאַס טורקאָוו געזאָגט נאָך דער פאָרשטעלונג: „איך מוז אייך מאַכן אַ קאָמפּלימענט, וואָס איז דער ריינער אמת: איך האָב געזען אַ זויבערע, שיינע, יידישע פאָרשטעלונג".

ער האָט זיך פֿאָטאָגראַפֿירט מיט זיין „ריוואַל״ — א. יאַכי־מאָוויטש אין דער ראָל פֿון חנן.

מיט דעם אויסדרוק „זויבערע פֿאַרשטעלונג״ איז ער אַבסאָלוט געווען גערעכט. ס׳איז באמת גרויס אַכט געלייגט געוואָרן אויף יעדן מלבוש, אין וועלכן די אַקטיאָרן וועלן זיך דאַרפֿן באַווייזן אויף דער בינע, טראָץ די נישט לייכטע באַ־דינגונגען צו באַקומען די נויטיקע שטאָפֿן פֿאַר דעם צוועק. אַפֿילו פֿאַר די קאָסטיומען פֿון די בטלנים, וואָס דערציילן מיט התלהבות וועגן ר׳ דודל טאַלנערס גילדערנער שטול, וועגן ר׳ ישׂראל רוזשינערס קאַפּעליע פֿון פֿיר און צוואַנציק כּלי־זמרים, וועגן ר׳ שמואל קאַמינקערס גילדענע פּאַנטאָפֿעלעך — אויך זייערע כאַלאַטלעך זענען געווען מענטשלעך פֿאַרן אויג. דאָס זעלביקע אויך ביי די בעטלערס — טאַקע אָפּגעריסענע בגדים, אָבער זויבערע.

ישׂראל בלומענפֿעלד, דער שעף־רעדאַקטאָר פֿון „די יידישע רונדשוי״ אין פֿראַנקפֿורט־ביים־מיין, האָט נישט באַוויזן זיך צוצושטופּן הינטער די קוליסן אויסצודריקן זיין אָנערקענונג. האָט ער דאָס געטאָן אין אַ בריוו, אין וועלכן ער שרייבט:

„איידער איך פֿאַרלאָז פֿעלדאַפֿינג, וויל איך אייך אויף דעם וועג אויסדריקן מיין האַרציקן דאַנק פֿאַרן אומגעהויערן פֿאַרגעניגן, וואָס איר פֿאַרשאַפֿט טויזנטער יידן מיטן אויפֿ־פֿירן דעם „דיבוק״.

עס איז בלי ספֿק, די וויכטיקסטע לייסטונג אויפֿן קול־טורעלן געביט פֿון דער שארית הפּליטה אין דייטשלאַנד.

איר האָט געשאַפֿן אין אַ ברעטער־באַראַק אַ בית־המקדש פֿון יידישן גייסט. און אייער אַרבעט אויף דעם געביט איז אַן אומגעהויערער שריט פֿאָרויס צום רענעסאַנס פֿון אונדזער

דראמ. קרייז „עמך" ביים יידישן ארבעטער־קאמיטעט
אין פעלדאפינג

פראגראם

פון דער דראמאטישער לעגענדע

אין פיר אקטן

(צווישן צוויי וועלטן)

„דער דיבוק"

פון ש. אנ־סקי

✡

פעלדאפינג • פסח ★ 1946

פּערזאָנען

ר׳ סנדר בריניצער	— שלמה טאַובע
לאה (זיין טאָכטער)	— אסתר שייניאַק
פראַדע (איר ניאַניע)	— עליע לייקין
גיטל (לאה׳ס חבר׳טעס)	— חייה׳לע גאָלאָמב
בתיה (לאה׳ס חבר׳טעס)	— לאה זינגער
מנשה (לאה׳ס חתן)	— אליהו פינגערהוט
נחמן (זיין פאָטער)	— מאיר אַבראַמאָוויטש
ר׳ מנדל (מנשה׳ס רבי)	— לייב אַפּטער
דער משולח	— שמעון קלעטשעווסקי
ר׳ עזריאל׳קע מיראָפּאָלער (אַ צדיק)	— חיים פּערלמוטער
מיכאל (זיין גבאי)	— משה שאָר
ר׳ שמשון (רב אין מיראָפּאָליע)	— לייב פינגערהוט
1־טער דיינים	— מאיר אַבראַמאָוויטש
2־טער דיינים	— אליהו פינגערהוט
מאיר (שמש אין בריניצער שיל)	— משה שאָר
חנן (ישיבה בחורים אין בריניצ.)	— אברהם יאַכימאָוויטש
העניך (ישיבה בחורים אין בריניצ.)	— שמואל צעלניק
1־טער בטלנים	— לייב אַפּטער
2־טער בטלנים	— מאיר אַבראַמאָוויטש
3־טער בטלנים	— אליהו פינגערהוט
חנה אסתר (עלטערע יידענע)	— עליע לייקין
אַ חתונה־אורח	— לייזער באַלצווייניק
טויטן־טאַנץ	— לייב אַפּטער

אורחים—חסידים—ישיבה בחורים—קבצנים—יידן
קינדער—חתונה־געסט—כלי־זמרים א. א.

רעזשיסאָר: חיים פּערלמוטער ✶ כאַראַקטעריזאַטאָר: שמואל צעלניק
✶ טעכישע לייטונג מ. קירשענבלאַט ✶ אייגענע דעקאָראַציעס.

אַלט-נייעם גייסט פון ישׂראל סבא. די ווערטער, וואָס איך שרייב אייך, זענען נישט קיין קאָמפּלימענטן, זיי זענען געשריבן אונטערן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק פון „דיבוק” אין פעלדאַפינג.

אין גלויבן, אַז די לייסטונגען פון אייער „עמך” וועלן געפינען דעם געהעריקן אָפּקלאַנג אין דער יידישער אינלענדישער און אויסלענדישער פּרעסע, פאַרבלייב איך מיט די בעסטע ווינטשן פאַר אייער צוקונפטיקער אַרבעט”.

אין זיין אילוסטרירטן זשורנאַל „די יודישע רונדשוי” האָט י. בלומענפעלד געווידמעט דריי זייטן דער אויפפירונג פון „דיבוק”.

דער טעאַטער-קריטיקער דוד פערגאַמענט שרייבט אין זיין אָפּשאַצונג וועגן „דיבוק” אין דער מינכענער יידישער צייטונג „אונדזער וועג”:

„דער „דיבוק”, וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אויף אַלע איראָפּעיִשע בינעס, איז נאָך אַ זעקסיאָריקן איבעררייס באַנייט געוואָרן דורכן רעזשיסער פון „עמך”-טעאַטער ה. פערלמוטער. פאַר זיין דרייסטקייט און אויפטו קומט אים אַ האַרציקן יישר-כוח.

די פּרעמיערע איז אויסגעפאַלן גאַנץ געלונגען. זאָלן אָבער די „עמך”-אַרטיסטן נישט פאַרשיכורט ווערן מיטן דערפאָלג, מיינענדיק, אַז מיט אָט דער פאָרשטעלונג האָבן זיי שוין זייער ציל דערגרייכט. זיי דאַרפן נישט אויפהערן ווייטער צו אַרבעטן איבער זיך.

זאָל די פאָרשטעלונג פון „דיבוק” זיין אַ גוטער ביישפּיל פאַר אַלע איבעריקע, וועלכע זענען מהנה דעם עולם מיט ניבול-פּה-פּראָגראַמען, וואָס דעמאָראַליזירן דעם עולם. דער

טעאַטער „עמך" האָט אונדז איבערצייגט, אַז ביי אַ גוטן ווילן און אויסדויער קאָן מען זייער פיל לייסטן.

די שטימונג אויפן זאַל איז אַ געהויבענע. דער עולם פאַרהאַלט זיך, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ פאָרשטעלונג. מען פילט דעם דרך־ארץ פאַר אַנ־סקין. מען זיצט רויק, געשפּאַנט ביז די פאָרהאַנג וועט זיך עפענען. די קאָסטיומען, גרים און דעקאָראַציעס האָבן דערגאַנצט די פאָרשטעלונג. אַזאַ פאָר־שטעלונג איז ווערט צו זען".

דער קולטור־טוער און טעאַטער־קענער הערמאַן גאָלד־בערג דריקט זיך אַזוי אויס:

„שטיי אויף, גרויסער יידישער רעזשיסער דוד הערמאַן, וואָס האָסט אַנ־סקים „דיבוק" דער ערשטער אינסצעניזירט און רעזשיסירט מיט דער ווילנער טרופּע אין וואַרשע, זע, ווי דיינע נאָכפאָלגער פאַרשעמען דיך נישט, שעפּן ווייטער פון אַלטע קוואַלן פון דער יידישער קונסט און ווערן באַגייס־טערט מיט נייע שאַפונגען". (פּראָגראַם פון דער אויפפירונג פון „דיבוק").

שמאי וואַקס שרייבט:

„אַ געוואַגטער פּרווו. „עמך" פון פעלדאַפינג האָט זיך פאַרמאָסטן אויסצושטעלן איינע פון די קינסטלערישסטע דראַמעס פון אונדזער ליטעראַטור. אַנ־סקים „דיבוק" מיט זיין טיפער טראַגיק, מיט דער סובטעלקייט פון זיינע דראַמאַטישע סיטואַציעס, איז איינע פון די שווערסטע בינע־אויפפירונגען. די דראַמע אָטעמט מיט שטילן צער און שווערער טראַגיק פון צוויי יונגע לעבנס, וואָס שטרעבן זיך צו פאַראייניקן און די פאַרהעלטעניש צערייסן זיי.

למען האמת מוז מען צוגעבן, אַז „עמך" האָט מיט איר

פליים און ערנסטן צוגאַנג דערגרייכט די העכסטע שטופּע פון טעאַטראַלער קונסט".

מאיר בער גוטמאַן:

„פון די דריי אויפפירונגען, וואָס איך האָב געזען ביי „עמך", און דער עיקר דעם „דיבוק" פון ש. אַנ-סקי, האָט מען זיך געקענט איבערצייגן, אַז די חברים פון „עמך" האָבן פּיעטעט צו יידיש טעאַטער; דאָס העלפט זיי זיך צו דער־וויטערן פון בּיליקייט און שרייענדיקע עפעקטן.

די אויפפירונג פון „דיבוק" איז געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה. חנן האָט געהאַט מאָמענטן, ווען עס האָט זיך געוואָלט, צוזאַמען מיט אים, דערהויבן און אַריינקומען אין זיינע אויסגעחלומטע וועלטן.

לאהלע איז געווען האַרציק און צאַרט. איר ציטערנדיקע שטימע איז אַריין אין האַרצן.

דער מיראָפּאָלער צדיק האָט מיט קינסטלערישן טאַלאַנט געשאַפן אַ רביישן טיפּ, און אין זיינע ספקות און צעבראָכנקייט איז מען געווען צוזאַמען מיט אים באַזאָרגט, צי ס'וועט אים געלונגען אַרויסצוטרייבן אַ דיבוק פון אַ יידישער טאָכטער. און דאָס איז אַ סימן מובהק, אַז דער אַקטיאָר האָט זיינס דערגרייכט.

די איבעריקע אַנטייל-נעמער האָבן ערלעך צוגעהאָלפן, און ס'האָט זיך באַקומען אַ פאַרענדיקט בילד פון נישט ווייטן יידישן עבר.

פאַר דעם פאַרגעניגן און די טרערן פון פרייד בעת אייערע אויפפירונגען, פאַר דעם ערשטן פּרווו אין דער ציטווייליקער אַכסניה צו געבן אַ יידישע פּיעסע, דאַנק איך אייך, חברים פון „עמך". איך בלייב אייער פריינד".

ערשטער אקט פון „דיבוק״

„בטלנים״ און משולח.





ישיבה־בחורים „הענעך״ און „חנן״.

צווייטער אקט פון „דיבוק"

„טויטן־טאנץ" — ל. אפטער
„לאה" — אסתר שיינא׳ק.

„בעטלער־טאנץ".

פינאל פון צווייטן אקט.



דריטער אַקט פון „דיבוק".

דער דיכטער ה. לייוויק און פּראָפעסאָר י. אפרת, וועלכע האָבן בעת זייער באַזוכן די די.פּי.־לאַגערן אין דייטשלאַנד בייגעוווינט אַ פאָרשטעלונג פון „דיבוק", האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן שוין געזען די אויפפירונג פון „דיבוק" ביי פאַר־שידענע טעאַטער־טרופּעס, אָבער דאָס מאָל זענען זיי אין געוויסע מאָמענטן געווען גערירט ביז טרערן. ווייל די אַמאַ־טאָרן לעבן איבער זייער ראָל פיל טיפער, ווי פּראָפעסיאָנעלע אַרטיסטן. הינטער די קוליסן האָבן זיי צוגעגעבן: „איר האָט ערלעך און איבערגעגעבן געשפּילט. אונדזער אָנערקענונג און ווונטש פאַר אייער ווייטערדיקער אַרבעט".

אויף צו מאָרגנס נאָך דער פאָרשטעלונג האָבן די חשובע געסט געהאַלטן רעפעראַטן אין „קולטור־היים" פאַר די לאַגער־

די דיכטער ה. לייוויק און י. אפרת אין קולטור־היים פעלדאַפינג, זומער 1946.

יידן אין פעלדאַפינג. ה. לייוויק האָט גערעדט מיט שברת הלב איבערן שרעקלעכן חורבן, וואָס דער היטלעריזם האָט געבראַכט דעם יידישן פאָלק. זיין רעדע איז געווען פול מיט טרייסט פאַר אונדז. י. אפרת האָט אויף זיין אופן אויך געטאָן דאָס זעלביקע, הגם ביידע האָבן גוט געוווסט און פאַרשטאַנען, אַז קיין טרייסט צום אומגליק איז נישטאָ.

ס'האָבן נישט געפעלט קיין שירות ותשבחות פאַר „עמך", און מען מוז מודה זיין, אַז „עמך" האָט זיך עס באמת פאַרדינט. כמעט יעדע ראָל איז דורך די אַמאַטאָרן געוואָרן אויסגעשליפן ביזן מאַקסימום, צוליב זייער אַחריותדיקן צוגאַנג פאַר ערנסט יידיש טעאַטער. ועל כולם, האָט דער אַנסאַמבל גענומען אויף זיך די אויפגאַבע ממשיך צו זיין מיט יידישקינסטלערישן שאַפן, כדי דערמיט צו דערהייבן די קליינע צאָל לעבן געבליבענע יידן, צעבראָכענע מאָראַליש, גייסטיק און פיזיש. דאָס גשמיות האָט ביי „עמך" נישט פאַרביטן דעם רוחניות. ביי „עמך" האָט מען נישט געפילט קיין הפקרבאַציונג צו דער שפּראַך, אויף וועלכער זיי שפּילן. איז טאַקע גאָר קיין חידוש נישט געווען, וואָס מען האָט פאַרבעטן „עמך" צו קומען מיט זיינע אויפפירונגען אין אַנדערע יידישע קיבוצים אין דייטשלאַנד, און זיי זענען דאָרט געוואָרן אויפגענומען בכבוד גדול.

גרויס איז געווען די סאַטיספאַקציע פון „עמך" מיטן באַווייזן דעם „דיבוק" פאַר די יידן אין מינכען, אין דעם גרויסן זאַל פון דער שטאָטישער אָפּערע, אין „פרינץ-רעגענטטעאַטער". דאָס איז געווען דעם 13טן און 14טן מאַי 1946, כמעט צום יאָרטאָג פון היטלערס פולשטענדיקער מפּלה. די הנאה איז דעמאָלט געווען אַ דאָפּלטע: קודם-כל האָט דאָרט

TEATER „AMCHO“

BAJM JIDISZN ARB. KOMITET IN FELDAFING

IN TEATER

SZABES		ZUNTIK
DEM	**SZAU-BUDE**	DEM
30-TN-XI 1946		1-TN-XII 1946
PINKTLECH		PINKTLECH
2 N. M.	RAITMORSTR. 7 / TR. 4, 19, 30	2 N. M.

DER DYBUK

DRAM. LEGENDE

IN 3 AKTN FUN SZ. AN-SKI

REGI:

CH. PERLMUTER.

BILETN:

IN JIDISZN KOMITET MÖHLSTRASSE 43
IN JIDISZN RESTORAN ISAR-TORPLATZ 1
UN IN TOG FUN DER FORSZTELUNG IN TEATER-KASE

Frank-Druck Landsberg

די פאַרשטעלונג באַקומען איר אמתן גלאַנץ, הן און ווערט, מיטן שפּילן זי אויף אַן ערשטקלאַסיקער אייראָפּעיִשער בינע מיט אַלע דערצו נויטיקע עלעמענטן, — אַ זאַך, וואָס איז ווייט נישט געווען דער פאַל אין פעלדאַפינגער ברעטער־באַראַק. אָבער נאָך גרעסער איז געווען די סאַטיספאַקציע צוליב אויפצוטרעטן אין דער שטאָט, ווו עס איז אַנטשטאַנען דער היטלעריזם, און דאָס דווקא יענעם גרעסטן און שענסטן זאַל, ווו היטלער ימ״ש מיט זיין סוויטע זענען זיכער מער ווי איין מאָל געווען באַזוכער. מיר האָבן זיך געזאָגט: ווען דער צורר היהודים שטייט אויף און זעט, וואָס דאָ קומט פאָר, ווי אַזוי יידן באַלעבאַטעווען אין זיין טעאַטער, ווו דער אַרישער טעכנישער פערסאָנאַל מוז הערן און אויספירן אינ־סטרוקציעס פון יידן, וואָלט ער פאַר קרענקונג נאָך אַ מאָל זיך דערשאָסן. דאָס זעלביקע פאַרגעניגן האָט „עמך״ אויך געהאַט מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, בעת די פאָרשטעלונגען פון „דיבוק״ אין „שאַר־בודע״־טעאַטער אין מינכען. אַזוי אויך אין שטוטגאַרט, פראַנקפורט, לאַנדסבערג, פערנוואַלד און אין אַנדערע ערטער, ווו ס׳האָבן זיך געפונען יידן. „עמך״ האָט דערגרייכט דעם זיך געשטעלטן ציל: צו ווערן אַ קולטור־פאַקטאָר פאַרן הייפל די.פּי.־ניקעס, וואָס געפינען זיך נאָך אין די לאַגערן אין דייטשלאַנד.

דער „עמך״־טעאַטער האָט געפונען פאַר נויטיק אַרויס־צוגעבן אַן אילוסטרירטן יובל־זשורנאַל צום יאָר פון זיין עק־זיסטענץ, סוף זומער 1946. אינעם אַריינפיר־וואָרט ווערט געזאָגט: אַ יאָר טעטיקייט פון טעאַטער „עמך״ אין פעלד־אַפינג האָט אונדז באַוויזן צו דאָקומענטירן אונדזערע לייס־טונגען אין משך פון אונדזער עקזיסטענץ.

דער מחבר (בילד פון יענער צייט).

אַ געוואַגטער שריט

אַ געוואַגטער שריט פון מיר. נאָך זעקס יאָר שמאַכטן אין געטאָס און קאַצעטן, ווו מען איז געוואָרן גייסטיק און פיזיש צעבראָכן, האָב איך אויף זיך גענומען אַזאַ ערנסטע און פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע, ווי עס איז די אויפפירונג פון ש. אַנ־סקיס דער „דיבוק", וואָס אין נאָרמאַלע פאַר יידן צייטן, ביי טעאַטער־קינסטלערישע קרייזן — איז עס געווען אַ געוואַגטע אונטערנעמונג.

פון וואַנען נעמט זיך ביי מיר די דרייסטקייט ? דעם מוט דערצו האָט מיר געגעבן דער דראַמ.־קרייז „עמך", וועלכער פאַרמאָגט אין זיך חברישע און קולטורעלע מענטשן, וואָס אָפפערן אַ סך כוחות ווי עס פאָדערט אַזאַ אומגעווינלעכע אויפפירונג. דער דראַנג איז מיר געקומען פון מיינע קאָנ־צערט־דערינערונגען, ליגנדיק אויף דער האַרטער פריטשע מיט אַ פאַרחלשט האַרץ, פלעג איך, טראַץ אַלעם, מהנה זיין, פון צייט צו צייט מיינע געפייניקטע ברידער מיט רעציטאַציע־פראַגמענטן פון דעם אַנ־סקי ווערק.

און מיין גאַנץ שטרעבן איז געווען, צו האָבן די זכיה צו זען די פאָרשטעלונג „דער דיבוק" אויף דער יידישער בינע.

חיים פערלמוטער

אילוסטרירטער יובל־זשורנאַל 1945/46

פעלדאַפינג, דעם 8טן אוגוסט 1946.

אין אַן אַטמאָספער פון יאוש-שטימונגען און דעפּעסיזם, פון פסיכישער צעבראָכנקייט און גייסטיקער דעפּרעסיע, וועלכע האָבן באַהערשט די פּאַריטומטע ייִדישע מאַסן באַלד נאָכן באַפרייען זיך פון היטלער-קאַשמאַר, דורך אומדערמידלעכער געזעלשאַפטלעך-דערציִערישער אַרבעט, איז געלונגען, ביי דער מיטהילף פון ייִדישן אַרבעטער-קאָמיטעט, אויפצובויען און אַנטוויקלען אונדזער „קולטור-היים", וואָס נעמט אַרום טעאַטער, כאָר און לייענזאַל.

מיטן אַרויסגעבן דעם יובל-נומער ווילן מיר באַקענען די ייִדישע עפנטלעכקייט מיט אונדזערע שאַפונגען, און באַווייזן, אַז זיצנדיק אין די לאַגערן נאָך דער באַפרייונג, האָבן מיר אויסגענוצט די צייט צו שאַפן אַ פאַקטאָר, וואָס זאָל מיטווירקן צו דער קולטורעלער ווידעראויפלעבונג פון דער שארית הפליטה".

אינעם דערמאָנטן זשורנאַל האָבן זיך באַטייליקט אַ גרויסע צאָל ייִדישע פען-מענטשן, וואָס האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין דייטשלאַנד. אין אַ בריוו אין רעדאַקציע, למשל, שרייבט דער פּאָעט שמאי וואַקס: „איך בין צופרידן, וואָס איך דאַרף נישט בייטן מיין מיינונג. דעם זעלבן גוטן איינדרוק, וואָס איך האָב אַרויסגעטראָגן פון אייער פאָרשטעלונג אין שטוטגאַרט אין יאָר 1945, דעם זעלבן גוטן איינדרוק האָט געמאַכט אויף מיר אייער לעצטער אויפטריט אין שטוטגאַרט, מיט צוויי מאָנאַטן צוריק („דער דיבוק")".

פון דעמאָלט ביז היינט האָט איר געלערנט און זיך פאַרפולקאָמט. דעם גרעסטן טייל פון דער שארית הפליטה-אַמאַטאָרן-טרופּעס איז נישט געלונגען צו דערגרייכן דעם ניוואָ, וועלכע אייערע אָפּטע אַרויסטריטן שטעלן מיט זיך

ILLUSTRATED JUBILLEE JOURNAL

Edited by Dramat. Office „AMCHO" of the Jewish Labour Committee at Feldafing

היינט צו טאָג פאַר. אַ דאַנק אייער פלייס, שטאַרקן ווילן שטרעבן זיך צו פאַרפולקאָמען, האָט יעדער בייגעשטייערט דעם מאַקסימום פון זיך. אַזוי אַרום איז אייך געלונגען צו פאַראינטערעסירן דעם צושויער, שאַפן די נויטיקע אַטמאָספער און שטימונג, און אָנבינדן דעם קאָנטאַקט צווישן בינע און עולם. און דאָס איז אייער וויכטיקסטע דערגרייכונג".

דער קאָמיטעט פונעם יובל־זשורנאַל

אינזש. מ. שילאָוויצקי שרייבט צוו״אַ: „אין אַ ווינקל, צווישן די הילצערנע בוקסעס אין אוישוויץ, אין אָוונט אַ קאָנצערט. ס׳הערן זיך צו קאַצעטלער האַלב זיצנדיק, האַלב ליגנדיק מיט ווייט-געעפנטע אויגן. אין די קלאַנגען פלעגן זיי געפינען אָפּרו, קראַפט און מוט צום אויסדויער, ביז ס׳וועט קומען די אויסלייזונג. און עס איז געקומען די צייט. ווען דער פיזישער הונגער איז געוואָרן געשטילט, האָט מען דער-פילט דעם גייסטיקן הונגער. און דאַן איז אַנטשטאַנען „עמך״, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל וועקן אַ שמייכל אויף די ליפּן, וואָס האָבן פאַרגעסן צו לאַכן, ברענגען אַ טרער פון אַנטציקונג אין די אויגן, וואָס האָבן פאַרגעסן צו וויינען״.

פילפאַרביק און פילזייטיק איז דאָס יאָר אַרבעט פון „עמך״. פון לייכטע רעוויעס, מאָנאָלאָגן, פאָלקלאָר-בילדלעך און סאַטירעס — ביז צו אַן ערנסטער דראַמע ווי דער „דיבוק״. פיל אידעאַליזם און ברען האָבן אַריינגעלייגט די חברים פון „עמך״ אין זייער אַרבעט. דעם עולם האָט מען געמוזט דער-ציִען, אַפילו אויסלערנען זיצן אין טעאַטער רויִק און קול-טורעל. און דער עולם האָט זיך געלאָזט לערנען, ווייל דאָס וואָרט און בילד, וואָס פלעגן פאַלן פון דער „עמך״-סצענע, פלעגן טרעפן צום האַרצן.

אין אַלע גרעסערע ייִדישע ישובים האָט אונדזער „עמך״ גאַסטראָלירט און מיט דערפאַלג אומעטום אַריינגעבראַכט אין די הערצער פון צושויער אַ הייטערקייט, אַ ליכטיקייט און דאָס שטאָלצע געפיל, אַז דאָס שפּילן דאָך די זעלבע מענטשן, וואָס מיר, און זיי האָבן דורכגעמאַכט די זעלבע שרעקלעכע יאָרן פון צרות און פּיין.

טעאַטער ביי קאַצעטלער

אַוודאי וואָלט „עמך" געקאָנט שפּרייטן זיינע וואָרצלען טיפער און ברייטער, געבן נאָך גוטע, ערנסטע און אינטערעסאַנטע טעאַטער-אויפפירונגען, ווען זיין אָרט וואָלט נישט געווען אויף דער טמאדיקער דייטשער ערד, פון וואַנען מען האָט געהאָפט וואָס גיכער זיך אַרויסצוקריגן.

נישט צו ברייט האָבן זיך געעפנט די טויערן פון אַנדערע לענדער, כדי אַריינצונעמען אין זיך די שארית פון חורבן. פון דעסטוועגן, דאָ און דאָרט, האָט זיך געעפנט אַ שפּאַלט פאַר מאַנכע, וואָס האָבן באַקומען אַ מעגלעכקייט צו עמיגרירן און זיך באַזעצן אין אַנדערע מקומות. צווישן די דאָזיקע זענען אויך געווען מיטגלידער פון „עמך"-קרייז, וועלכע מען האָט געמוזט פאַרטרעטן דורך אַנדערע כוחות. „עמך" האָט אָבער זיך באַמיט צו דערהאַלטן זיין קיום.

אין יענע טעג פלעגן אויך אָנקומען קיין פעלדאַפינג יידישע אַקטיאָרן פון פאַרשידענע ערטער. דער ערשטער איז, דוכט זיך, געקומען ישראל בעקער (היינט שוישפּילער און רעזשיסער אין הבימה-טעאַטער אין ישראל). ער האָט דאָרט אַרויפגעבראַכט אויף דער בינע, אַגב מיט דערפאָלג, אַ מאָנטאַזש פון שלום עליכמס „דאָס גרויסע געווינס". מיט אַ צונויפגעשטעלטן אַנסאַמבל פון כמעט בלויז פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן האָט ער אויפגעפירט נאָך עטלעכע פאָרשטעלונגען פונעם יידישן קלאַסישן רעפּערטואַר. מיט דעם זעלביקן אַנסאַמבל האָט אויך שפּעטער דער יידיש-פּוילישער רעזשיסער,

אַלעקסאַנדער באַרדיני, אויפגעפירט „שלמה מולכו" פון א. לעיעלעס. דאָס איז באמת געווען אַ פּרעכטיקע אויפפירונג, אַ ספּעקטאַקל פון אַ גרעסערן פאַרנעם.

ס'האָבן אויך זיך באַוויזן אַקטיאָרן פון דעם אַזוי גערופענעם „שונד-טעאַטער", וואָס איז אַפילו געוואָרן געכשרט און מען האָט נישט געזוכט ביי די דאָזיקע קיין הויכע קונסט. אַ ייִד האָט באַוויזן איבערצולעבן היטלערן, איז ער שוין במילא אַ גרויסער קינסטלער — פלעגן זאָגן טעאַטער-קריטיקער, און אַפילו מיט פאַרשטעלונגען פונעם „בינקע-פינקע"-מין האָט זיך אויך קיינער, חלילה, נישט פאַרדאָרבן דעם מאָגן... דער עיקר, ייִדן שפּילן ווידער טעאַטער אויף די קברים פון די שונאים, וואָס האָבן געצילט דאָס אויסצוואָרצלען.

ס'פלעגן זיך אויך יאַווען פאַרשידענע עסטראַדע-טרופּקעלעך מיט קאָנצערטן מכל המינים. זיי זענען געקומען קיין פעלדאַפינג, זייענדיק זיכער, אַז דאָרט וועלן זיי האָבן אַ „סבאָר". איז דאָך פעלדאַפינג, מיט זיינע עטלעכע טויזנט שארית-החורבנדיקע ייִדן, געווען דאָס ערשטע אָרט, ווו ס'האָט נאָכן מבול גענומען שפּראָצן ייִדישע קולטור און קונסט, פון קאַצעטלער — פאַר קאַצעטלער. צווישן זיך גערעדט, האָט מען זעלטן געהאַט גרויס נחת פון אָט די עסטראַדע-טעאַטערלעך — נישט פון זייער שפּיל, און נאָך ווייניקער פון זייער רעפּערטואַר.

אָבער דער לאַגער-עולם אין פעלדאַפינג איז איין מאָל באַשערט געווען אַן אָנגענעמע איבערראַשונג. קיין מינכען איז דעמאָלט פאַרוואָגלט געוואָרן פון בולגאַריע די אָפּערע-זינגערין ריינע סימאָן. געקומען איז זי קיין מינכען, כדי דאָ

ממשיך צו זיין מיט איר געזאַנג־שטודיע. אירע הוצאות פאַר דער שטודיע און בכלל צו קאָנען זיך אויסהאַלטן, האָט זי געצויגן דערפון, וואָס זי פלעגט פון צייט צו צייט אויפטרעטן אויף אַ קאָנצערט מיט איר רעפּערטואַר פון דער קלאַסישער אָפּערע.

צו אירם אַן אויפטריט איז איין מאָל געקומען די משפחה גראָסמאַן — אַליין מוזיקער פון באַרוף, וואָס האָבן פאַרן חורבן געאַרבעט אין דער ווילנער פילהאַרמאָניע. זיי האָבן איצט געוווינט אין מינכען, ווו זיי פלעגן ציִען חיונה פון קאָנצערטן, מיט וועלכע זיי פלעגן אויפטרעטן אין ייִדישע ישובים אין דייטשלאַנד.

ווי פאַכמענער און מבינים, זענען זיי יענעם אָוונט שטאַרק באַאיינדרוקט געוואָרן פון דער זינגערין ריינע סימאָן. און קיין חידוש נישט, געווען איז זי באַשאָנקען מיט אַלע מעלות טובות, וואָס די בינע פאַרלאַנגט: אַ פּרעכטיקן קאָלאָראַטור־סאָפּראַן, אַ וווּנדערבאַרע אינטערפּרעטאַרין פון די געזונגענע אַריעס, אַ שיינהייט, מיט אַן אויסגעטאָקטער פיגור.

די גראָסמאַנס זענען פון די זינגערין אַזוי נתפּעל געוואָרן, אַז זיי האָבן געהאַט בלויז איין ווונטש: ס׳זאָל זיי דערמעגלעכט ווערן צו האָבן מיט זיך אויף זייערע קאָנצערטן אָט דעם זינגפויגל. זיי האָבן איר טאַקע פאַרגעלייגט זיך צו באַטייליקן אין זייערע קאָנצערטן. ריינע סימאָן האָט מסכים געווען, אָבער נאָר אויף פיר טעג אין דער וואָך: מאָנטיק, דינסטיק, מיטוואָך און דאָנערשטיק. די אַנדערע דריי טעג באַדאַרף זי פאַר איר שטודיע און אויך פאַר איר פּריוואַט לעבן.

מיט אָט דער זינגערין, ריינע סימאָן, זענען דאָס די

גראָסמאַנס יענעם אָוונט געקומען קיין פעלדאַפינג צו פּרוּוון מזל, זען ווי אַזוי דער דאָרטיקער לאַגער־עולם, וואָס האָט געשמט פאַר מבינים, וועלן זי אויפנעמען.

צוליב דעם, וואָס דער דאָזיקער קאָנצערט איז דעמאָלט איינגעאָרדנט געוואָרן כאַפּ־לאַפּ אין איילעניש, אָן רעקלאַמע, אָן אַפישן, נאָר בלויז מיט מודיע זיין אין לאַגער פון מויל צו מויל, איז דער זאַל נישט געווען אויסגעפילט ביז צו די ברעגעס. אָבער ריינע סימאָן האָט אַלעמען איבערראַשט מיט איר אויפטריט. אַ קינסטלערין פון אַזאַ מדרגה איז אַפילו אין נאָרמאַלע צייטן, אויף גרויסע אייראָפּעיִשע בינעס, געווען זעלטן צו באַגעגענען.

כדי דאָס געשעפט זאָל גיין ווי ס׳געהער צו זיין און די קאָנצערטן מיט ריינע סימאָן זאָלן נאָך בעסער אויפגענומען ווערן ביים עולם, וואָס גאַרט צו הערן אויך עפּעס יידישס, האָבן די גראָסמאַנס באַשלאָסן, אַז אין אָט די קאָנצערטן זאָלן זיך באַטייליקן אויך עמעצער מיטן יידיש־קינסטלערישן וואָרט.

אין איינעם אַ טאָג קומט צו מיר דער הער גראָסמאַן און ער קלערט מיר אויף וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. איך וועל זיין, זאָגט ער, אַ דריטל שותּף צום ריווח פון די קאָנ־צערטן. דאָס הייסט, איין חלק וועלן באַקומען זיין פרוי מיטן זון, די אויספירער פונעם מוזיקאַלישן טייל פון פּראָגראַם, איין חלק ער, גראָסמאַן, אַליין, ווי דער אימפּרעסאַריאָ און אונטערנעמער פון די קאָנצערטן, און איין חלק איך (די זינגערין, ריינע סימאָן, באַקומט איר פעסטן האָנאָראַר).

דער עסק האָט מיך אינטערעסירט און אויך געלאָקט. פאַר וואָס דען נישט? איך וועל ווערן אַ שותּף צו אַ מסחר, אין

אַפּיש פון קאָנצערט

וועלכן מען דאַרף נישט אַריינלייגן קיין ממתקים, וואָס האָבן נישט צו שטאַרק געגלאַנצט אין מיין קעשענע. איז פאַר וואָס דאָס אַרויסלאָזן? ס׳ווילט זיך, כ׳לעבן, טאַקע האָבן אַ פּאָר טאַלער און קאָנען זיך פאַרגינען אַ לייטיש מלבוש, שיך, אַ העמד וכדומה. האָב איך, פאַרשטייט זיך, באַלד מסכים געווען אויפן אָפּמאַך פון ה׳ גראָסמאַן.

די „פּאַנטאָפל־פּראָפּאַגאַנדע", ווי מען רופט עס אין טעאַטער־לשון, די באַזוכער, וואָס מאַכן די בעסטע רעקלאַמע, האָט געהאָלפן צעטראָגן דעם גוטן אָפּקלאַנג פונעם קאָנצערט איבער אַלע ערטער אין דייטשלאַנד, וווּ עס זענען דאָן געווען יידישע יישובים. די גראָסמאַנס זענען פאַרוואָרפן געוואָרן מיט פאַרבעטונגען און קאָנטראַקטן אויף קאָנצערטן. די דאָזיקע קאָנצערטן זענען אומעטום געקרוינט געוואָרן מיט אַ דערפאָלג און געגעבן סאַטיספאַציע בכל האופנים, הן מאָראַליש, הן אויך מאַטעריעל, און דאָס לעצטע איז אויך גאַנץ וויכטיק, מחמת ס׳לייענט זיך אַנדערש, און ס׳שפּילט זיך אַנדערש, ווען דו ווייסט, אַז אַחוץ וואַרעמע אַפּלאָדיסמענטן, ברענגט דאָס אַריין אויך אַ ביסל מזומן געלט. ווי זאָגט ערגעץ שלום עליכם? „געלט, פאַרשטייט איר מיך, האָט אין זיך אַזאַ מין כוח... ס׳איז געלט..."

הכלל, מיין מי און פּראַצע מיטן „עמך"־טעאַטער, ביי וואָס די כוונה איז געווען בלויז וועגן עולם־הבא, האָט מיר איצטער געבראַכט אַ ביסל עולם־הזהדיק נחת אויך. אומעטום, וווּ מיר פלעגן אויפטרעטן מיט די קאָנצערטן, זענען מיר זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן דורך די פּני פונעם לאַגער, אָדער יידן־צענטער. אָפּט מאָל זענען דאָס געווען יחידים, פאַרערער פון יידישער קונסט, אָדער פון „אָלרייטניקעס",

וואָס האָבן געוואָלט האָבן דעם כבוד אונדז אויפצונעמען, פאַר אָדער נאָך דעם קאָנצערט, ביי זיך אין הויז.

אַוודאי איז דער וועדעט פון די קאָנצערטן געווען די זינגערין ריינע סימאָן. שוין ביי איר דערשיינען אויף דער בינע האָט מען איר געמאַכט אומאויפהערלעכע אַוואַציעס. אַ פּשיטא נאָכן דערלאַנגען איר רעפּערטואַר. אָבער אויך מיר, די מיטבאַטייליקטע אינעם קאָנצערט, יעדער אויף זיין אופן, האָבן געהאַט דעם געהעריקן דערפאָלג. רעצענזענטן פון יענער צייט האָבן מיט שבח זיך אָפּגערופן וועגן דעם קאָנצערט ווי אַ גאַנצן, מיטן ווונטש און פאַרלאַנג, נאָך אַ מאָל און אַ דריט מאָל צו קומען צו זיי מיט אונדזער קאָנצערט. און דאָס האָט זיך באַשטעטיקט. ממש צום דריטן מאָל איז אויף אַ האָר נישט געמינערט געוואָרן פונעם דערפאָלג. פאַרקערט, ס׳האָט אויסגעזען, ווי דער עולם האָט ערשט רעכט דערפילט דעם טעם פונעם קאָנצערט און אים דערפאַר אַלץ שטאַרקער און בעסער אויפגענומען.

און אָט זענען עטלעכע אָפּרופן וועגן די קאָנצערטן:

„דער קאָנצערט איז געווען זייער אַ געראָטענער. סאַראַ און יאַקוב גראָסמאַן אין זייער אַקאָרדעאָן-דועט פון פאַרשי-דענע מוזיקאַלישע שאַפונגען זענען געשטאַנען אויף זייער הויך. היים פערלמוטער, דער רעזשיסאָר פון „עמך”-טעאַטער, ווי אַ רעציטאַטאָר, האָט אַרויסגעוויזן זיין איניציאַטיוו און שע-פערישקייט... מיטן צוגעפּאַסטן רעפּערטואַר האָט ער באַוויזן, אַז ער שטייט נישט אָפּ פון זיין טעאַטראַלער טעטיקייט. ער פאַרשטייט אויך זייער גוט זיין אויפגאַבע פון קאָנפער-ראַנסיער, וואָס ער פירט מיט פיל קולטור, געשמאַק און איידעלן הומאָר.

ואחרון אַחרון חביב: די זינגערין ריינע סימאָן. זעלטן הערט מען אַזאַ שיינע, פון גאָט געבענטשטע, שטימע. די זינגערין באַזיצט אַ שטאַרקן, לירישן, קאָלאָראַטור־סאָפּראַן מיט אַלע וואַלאָרן פון אַן אָפּערע־זינגערין. זי מאָדעלירט לייכט ביי די איבערגענג מיט אַזאַ מייסטערשאַפט, אַז מען קאָן זי מיט רעכט פאַרגלייכן מיט דער באַרימטער ערנאַ זאַק, וואָס ווערט גערופן „דער דייטשער נאַכטיגאַל". מיר מעגן שטאָלץ זיין מיט אַ זינגערין פון אַזאַ פאַרנעם.

דער סך־הכל פון קאָנצערט: צוויי שעה פון העכסטער הנאה און גייסטיקן פאַרגעניגן". (ה. גאָלדבערג, פעלדאַפינג).

„אין לאַנדסבערגער „בית איחוד"־זאַל איז דעם 4טן און 5טן פעברואַר 1946 פאָרגעקומען אַ קאָנצערט פון אַ הויך־קינסטלערישן ניוואָ. די קינסטלער זענען באַשטאַנען פון דער באַרימטער אָפּערע־זינגערין ריינע סימאָן, סאַראַ און יאַקוב גראָסמאַן, און דער באַגאַבטער אַרטיסט־רעזשיסער פון „די־בוק" ביים „עמך"־טעאַטער אין פעלדאַפינג, חיים פערלמוטער.

סאַראַ און יעקב גראָסמאַן פירן אויס אויף זייערע אַקאָרדעאָנען קלאַסישע און יידישע מוזיק, מיט וועלכע זיי באַגייסטערן דעם פול־געפּאַקטן זאַל צוהערער.

אין דעם טייל פון קינסטלערישן וואָרט האָט חיים פערל־מוטער באַוויזן צוזופּאַסן אַן אינטערעסאַנטן און געשמאַקן רעפּערטואַר פון רעציטאַציעס און מאָנאָלאָגן פון משה נאַדיר, בינם העלער, ה. לייוויק, משה שולשטיין, ז. סעגאַלאָוויטש, מאָריס ראָזענפעלד, וועלכע ער אינטערפּרעטירט מיט אַ סך טאַלאַנט.

דער גרעסטער ביישטייער צום קאָנצערט איז דער אויפ־טריט פון דער באַרימטער אָפּערע־זינגערין ריינע סימאָן. זי איז

אַ גאָט־געבענטשטער טאַלאַנט. זי פאַרמאָגט אַן ערשטקלאַסיקן געשולטן קאָלאָראַטור־סאָפּראַן, וואָס באַצויבערט די צוהערער. איר שטימע און איר אַרט זינגען, באַזונדערס דאָס פינאַליזירן פון פּיאַניסימאָ אויף פאָרטיסימאָ, מיט אַן אויסגעהאַלטענעם נישט איבערגעריסענעם אָטעם, מיט וואָס זי האַלט אין שפּאַנונג דעם עולם — פאַרגלייכט זי מיט די גרעסטע אָפּערן־זינגער.

פאַר דעם גייסטיקן פאַרגעניגן, וואָס די דערמאָנטע קינסטלער האָבן אונדז אין יענע אָוונטן פאַרשאַפן, קומט זיי באמת אַ האַרציקן יישר כוח". (מ. רייך, לאַנדסבערג).

אַזעלכע אָפּרופן זענען געווען נאָך אַ סך.

דער קאָנקורס

„אַז גאָט וויל שמעצן באַגליקן, טוט ער עס פֿון אַלע זייטן" — זאָגט אַ ייִדיש ווערטל. מאַכט זיך אַ מעשׂה, און ס'פֿאַלט איין די „אונררא", די פֿאַרזאָרגער און אַפּוטרופּסים פֿון די שארית הפּליטה, די די.פּי. אין דייטשלאַנד, איינצואָרדנען אַ קאָנקורס-ספּעקטאַקל פֿון די ייִדישע טעאַטערס אין בייערן און צוטיילן אַ פּרייז פֿאַרן בעסטן פֿון זיי.

איז געוואָרן באַשטימט, אַז דער קאָנקורס זאָל פֿאָרקומען אין מינכענער טעאַטער „שוישפּיל-הויז". באַטייליקן וועלן זיך אין אים „עמך" פֿון פֿעלדאַפֿינג מיטן ערשטן אַקט פֿון „דיבוק", — דער לאַנדסבערגער טעאַטער און אויך דער פֿון פֿערנוואַלד — מיט אַן אַקט פֿון ה. לייוויקס „דער גולם".

הכּלל, ס'האָט זיך געטאָן אויף טיש און אויף בענק. ריזיקע שיינע אַפֿישן האָבן אָנגעזאָגט די נייעס, אָראָפּגעשיינט פֿון אַלע ווינקעלעך אין די ייִדישע צענטערן אין בייערן. אויך די פּרעסע איז פֿול געווען מיט אָט דער געשעעניש. אין קלייניקייט, מען האָט דערלעבט, ס'זאָל געמאַכט ווערן אַ קאָנקורס פֿון ייִדישע טעאַטערס אינעם פֿאַרשאָלטענעם דייטשלאַנד. דאַרף דאָס געפּייערט ווערן מיט אַלע קלימ-פּערלעך, אַזוי ווי אין פּסוק שטייט.

פֿאַרשטייט זיך, אַז יעדער טעאַטער, וואָס האָט געזאָלט זיך באַטייליקן אינעם קאָנקורס, האָט פֿאַרקאַטשעט די אַרבל, גענומען אַרבעטן כּדת וכּדין איבער די שוין אָפּגעשפּילטע פּיעסן, כּדי נישט צו בלייבן הינטערשטעליק לגבי די אַנדערע קאָנקורענץ-טעאַטערס.

די זשורי פון דעם דאָזיקן קאָנקורס, אין וועמענס שפּיץ עס איז געשטאַנען דער פריִער דערמאָנטער יידיש-פּוילישער טעאַטער-רעזשיסער אַלעקסאַנדער באַרדיני, וואָס איז אָקערשט געהאַט געקומען קיין דייטשלאַנד, האָט געפּסקנט, אַז דער פּרייז געהערט דעם טעאַטער „עמך".

אַ ביז גאָר עמאָציאָנעלע און שפּאַנענדיקע מינוט. בעת ס'האָט זיך צוריק געעפנט דער פאָרהאַנג און ס'זענען געוואָרן אַרויפגערופן אויף דער בינע די דריי אָנפירער פון די דערמאָנטע טעאַטערס, און דער פאָרזיצער האָט אויסגערופן דעם באַשלוס פון דער זשורי, זענען אין זאַל אויסגעבראָכן הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן און אָוואַציעס. בעתן דערלאַנגען מיר דעם גרויסן זילבערנעם וואַזאָן, דעם אויסצייכענונגס-פּרייז, האָב איך זיך געפילט, ווי אַ טשעמפּיאָן פון עפּעס אַ ספּאָרט-קלוב. די הנאה איז דערביי פאָרט געווען גרויס, וואָס די אָנערקענונג-מתנה, באַגלייט מיט אַ סמיכה-בריוו, איז געוואָרן צוגעטיילט פאַר „עמך", און נאָך דערצו בפרהסיא אויף דער בינע, לפני כל עם ועדה, אין די אויגן פון דעם פולן זאַל באַזוכער, וואָס זענען געקומען פון פאַרשידענע שטעט אין דייטשלאַנד ביי-וווינען דעם קאָנקורס. איך בין בלי ספק געווען טיף גערירט איבער דעם כבוד פון „עמך", און נישט ווייניקער אויך — פונעם קויש בלומען, וואָס מען האָט מיר דערלאַנגט, געשיקט פון ריינע סימאָן מיט דער משפחה גראָסמאַן. זיי האָבן זיך אויך געפונען אויפן זאַל בעתן קאָנקורס און מסתמא געשעפּט נחת פונעם דערפאָלג, וואָס זייער מיטאַרבעטער האָט דער-גרייכט, אַ זאַך וואָס פאַרשאַפט נישט קיין אומכבוד און איז גיכער אַ סגולה צום דערפאָלג פון די ווייטערדיקע קאָנצערטן מיט זיי.

Es wert organizirt durch AREA team fun iro 5-tn distryt

dem 31 Juli 1947 pinktlech 5 n. m.

in Schauspielhaus München

A

Premirter Konkurs

far di beste teater oifirung

Es nemen onteil: Die dram-kraizn

AMCHO FELDAFING

HAZOMIR LANDSBERG

NEGEW FERNWALD

In Program:

DER DYBUK fun Sz. ANSKI I. Akt — oisgefirt AMCHO, Rezi: Chaim Perlmuter

DER GOILEM fun H. LEIWIK I. Akt — oisgefirt HAZOMIR, Rezi: A. Charap.

DER GOILEM fun H. LEIWIK II. Akt — oisgefirt NEGEW, Rezi: Sandler-Rubinek

Noch der Forsztelung:

FARTEILUNG FUN DI PREMIES

BILETN cu bakumen in KULTUR-AMT baim MINCHENER KOMITET, Möhlstraße 43

אַפּיש פון קאָנקורס

בקיצור, ס׳זענען אַוועק טעג, וואָכן, חדשים, מיט יום־טובדיקייט און מיט כּלל נישט קיין וואָכעדיקע דאגות. כּמעט יעדן טאָג זענען מיר אויפגעטראָטן אויף אַ קאָנצערט, היינט דאָ און מאָרגן ערגעץ אַנדערש ווו. אומעטום, ווו מען קומט, ברענגט מען פרייד, וואָס איז אויך טאַקע אונדזער פרייד — צו זען און פילן די הנאה, וואָס מען פאַרשאַפט דעם יידישן עולם.

אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, די „זיבן גוטע יאָרן" זענען אַזוינע אַנגעגאַנגען אַ שיינע צייט, ביז אין אַ טאָג איז פּלוצעם אָנגעקומען פון טשילע אַן אַפידייוויט (אויספאָדערונג־פּאַפּירן) פאַר מיר. פאַר וואָס עפּעס גראָד פון טשילע? איז די מעשׂה דערפון אַזאַ:

אַ חבר פונעם „עמך"־קאָלעקטיוו, אַלעקס זאַקהיים, וועלכער האָט געשפּילט די ראָל פון ר׳ סענדער בריניצער אין „דיבוק", איז נאָך די ערשטע עטלעכע פאָרשטעלונגען אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע צו זיינע קרובים. ער האָט דאָרט געקערט וועלטן אויך מיך אַהינצוברענגען, אָבער ווען אַפילו מיט דער באַמיִונג פון מיין פעטער וויזל איז דאָס אים נישט געראָטן, האָט ער זיך פון דאָרט דערשלאָגן קיין טשילע, מסתמא אויך צו זיינע נאָענטע קרובים, און וועגן דעם ענין זיך געווענדט צו דער דאָרטיקער יידישער קהילה. ער האָט פאַרזיכערט, אַז מיט מיין קומען אַהין, וועט געהויבן ווערן דער ניוואָ פון דער יידישער קולטור־טעטיקייט דאָרט אַזש ביז אין הימל אַריין. און ער האָט טאַקע ביי זיי אויסגעפועלט מיך אַרויסצופאָדערן קיין טשילע.

פאַרשטייט זיך — אַ שׂמחה, אַ גדולה, אָבער נישט פאַר אַלעמען, און דער עיקר — נישט פאַר מיינע מיטשותּפים פון

די קאָנצערטן. ס׳טייטש? — טענהן זיי צו מיר און זענען דערשטוינט פון דער „בשורה״ — דאָס געשעפט גייט פּרימאַ שבפּרימאַ, פאַראַן דערביי כבוד און פּרנסה, וועל איך פּלוצעם זיי לאָזן שטיין אין מיטן און אַוועקפאָרן גאָר? און חוץ דעם, זענען דאָך שוין אַנאָנסירט קאָנצערטן אין פאַרשידענע שטעט. וואָס וועלן זיי איצט טאָן? כ׳האָב זיי פאַרזיכערט צו געבן אָן אַנדערן חבר פונעם „עמך״-קאָלעקטיוו, וואָס זאָל מיך פאַרטרעטן, אָבער דאָס האָט ביי זיי נישט געמינערט די אומצופרידנקייט פון מיין פאַרלאָזן זיי.

כ׳מוז מודה זיין, אַז מיר אַליין איז אויך געוואָרן אַנגע־זאָלצן אויפן האַרצן צוליב דער מעשׂה מיטן אַוועקפאָרן פון זיי. פאַרט זיך שוין געהאַט צוגעוווינט צו מיינע שותּפים, זיך איינגעלעבט מיט זיי, ווי מיט אייגענע, און ס׳איז מיר פּשוט געווען שווער זיך מיט זיי צו שיידן. דאָס זעלביקע אויך מיט דער זינגערין ריינע סימאָן, מיט וועלכער ס׳זענען אַדורך זייער אָנגענעמע שעהען טאָג־טעגלעך אין איר געזעלשאַפט. שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס הערנדיק איר זינגען, איז דאָס האַרץ פול געוואָרן מיט הנאה. ס׳איז באמת געווען אַ נחת רוח זי צו הערן זינגען אַפילו שוין צום וויפלטן מאָל, און יעדעס מאָל — מיטן זעלביקן פאַרגעניגן. למאַי זאָל איך עס לייקענען? אַזוינס האָב איך נאָך ביז דעמאָלט קיין מאָל נישט געזען און געהערט. מיט איר אופן פון זינגען פלעגט זי ממש באַצויבערן נישט נאָר די צוהערער אינעם זאַל, נאָר אויך די מיטבאַ־טייליקטע אינעם קאָנצערט הינטער די קוליסן. אַפילו דעם יִדישן רעפּערטואַר, וואָס מיר האָבן מיט איר איינגעשטעלט, און איז איר נישט געווען שטאַרק נאָענט, האָט זי אַרויס־געבראַכט מיט גרויס טאַלאַנט, מיט האַרץ און נשמה. פון

יעדן מינדסטן לידעלע איז ביי איר געוואָרן אַ ווערק. מיט איין וואָרט — אַ גאָט־געבענטשטער טאַלאַנט, און דערצו נאָך אַ מענטש אין פולן זינען פון וואָרט, אַ זאַך, וואָס גייט נישט אָפט געפּאָרט ביי קינסטלער. איז דעריבער נישט געווען שטאַרק ניחא מיט אַזוינס פלוצעם איבערצורייסן און זיך אַוועקלאָזן אין מרחקים, אין אומבאַקאַנטע מקומות. ווער ווייסט סאַראַ אָרט, סאַראַ לאַנד דאָס איז, סאַראַ מענטשן איך וועל דאָרט באַגעגענען. צי וועלן דאָס זיין ייִדן פון אונדזערע געגנטן אין פּוילן, ליטע וכדומה, בעת דאָ אין פעלדאַפינג, לעב איך זיך דערווייל, קאָן מען זאָגן, אין עושר און כבוד, די אַרבעט איז נישט קיין שווערע, און אַ בכבודיקע. אַזוינע געדאַנקען האָבן אין יענע מינוטן מיך געמאַכט אומעטיק, אָבער באַלד האָב איך זיך געטרייסט דערמיט, וואָס די גליקן געשען אויף דער דייטשער ערד, און דו וואָלסט גערן וועלן זען, ווי זי שפּאַלט זיך און שלינגט איין זיך איין די דייטשן. דערפאַר ציט דאָס האַרץ צו פאַרלאָזן דאָס דאָזיקע לאַנד מיט אַלע גליקן צוזאַמען. און אויב ס'איז פאַראַן די געלעגנהייט דאָס צו טאָן, דאַרף איך אַוועקשטעלן אַלץ אין אַ זייט און גרייטן זיך אין וועג אַריין.

הגם מיינע „עמך'ניקעס" האָבן נישט אויפגענומען מיט קיין איבעריק גרויסע שמחה די ידיעה וועגן מיינע אַרויס־פאָדערונג־פּאַפּירן קיין טשילע, פון דעסטוועגן האָבן זיי, צוזאַמען מיט די פּני פון לאַגער פעלדאַפינג, איינגעאָרדנט אַ פייערלעכן געזעגענונג־אָוונט לכבוד מיין אָפּפאָרן פון דאָרט, מיט אַן אַ שיעור רעדעס, ווינטשעוואַניעס, און טאַקע אויך מיט אַ לייטישן לחיים און איבערביים. דער און יענער האָט מיטגעבראַכט עפּעס, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, בייצושטייערן



רייגע סימאָן און דער מחבר בעת אַן אַנטראַקט פון קאָנצערט.

דערמיט צום דאָזיקן באַנקעט. כ׳דערמאָן זיך, אַז איינער פון די חברים האָט געבראַכט אַ פלאַש שאַמפּאַניער, וואָס ער האָט זיך געהאַט איינגעשאַפט ביי אַ דייטש פאַר אַ שטיקל קעז. מיר פלעגן דעם קעז באַקומען צוגעטיילט אינעם לאַגער און אים נישט געוואָלט עסן, שעלטנדיק די „אונררא״, אונדזערע פאַרזאָרגערס, מיט טויטע קללות, פאַר די פאַרפוילטע מאַכלים, מיט וואָס זיי זענען אונדז מכבד. „אַז פאַרשימלט זאָלן זיי ווערן, טאַטע זיסער, ווי דער קעז, מיט וועלכן זיי טוען אונדז

קאָרמען״ — פלעגט מען זיי צוווינטשן. דערפֿאַר האָבן חברה, געביפּטע יונגען, דעם דאָזיקן פֿאַרשימלטן קעז איינגעשלייערט די דייטשן, וואָס האָבן דערפֿון געלעקט די פֿינגער. פֿאַר אָט דער באָוול־סחורה פֿלעגן זיי נעמען פֿון די דייטשן, וואָס נאָר יענע האָבן געגעבן. דער בחור, וואָס האָט געבראַכט די פֿלאַש שאַמפּאַניער, איז נישט געווען אַזוי שטאַרק בקי אין הלכות שאַמפּאַניער און מסתּמא געהאַלטן פֿונעם כּלל, אַז יעדעס פֿלעשל משקה דאַרף געעפֿנט ווערן מיט אַ פּראָפּן־ציִער, האָט ער דאָס איינס און צוויי געגעבן אַ מאַך אַזוי, אַז ס׳האָט אויסגעשאָסן ווי אַ ביקס און די גאַנצע פֿלאַש איז גאָר אַוועק צום באַלקן. דאָס האָט געגעבן דעם סיגנאַל זיך משׂמח צו זיין ביז העט, העט, שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

אויפֿן באַנקעט לכּבוד דעם אָפּפֿאָרן פֿון דייטשלאַנד.

אין פּאַריז

גרויס פלעגט זיין ביי מענטשן דער באַגער און חשק צו קאָנען אַ מאָל זיין אין פּאַריז, אָנקוקן און זען די וועלט-באַרימטע שטאָט פון ליכט, מיט אירע קולטור-אוצרות, די שטאָט פון קונסט אויף פאַרשידענע געביטן, די שטאָט פון לוסטיקייט און עולם-הזה. ביי מענטשן פון מיין סגאַל האָט דאָס פאַרטראָטן די פאַנטאַזיע, וואָס פלעגט זיך צעשפּילן און געוועבט חלומות פון אַ נאָך נישט געזעענער וועלט, אַ וועלט פון לוקסוס און פאַרגעניגן. איז דעריבער פאַר מיר געווען פריידיק די ידיעה, אַז אויפן וועג קיין טשילע, ווּהין כ׳וועל בקרוב אויסוואַנדערן, וועל איך קודם-כל דאַרפן קומען קיין פּאַריז, דאָרט אָפּשטאַטן אַ וויזיט דעם טשילעשן קאָנסול, און ביז יענער וועט מיר דערלאַנגען די וויזע, וועל איך דערווייל פאַרברענגען אַ ביסל צייט אין דעם שיינעם פּאַריז.

עפּעס אַ קליינינקייט, פּאַריז! זען אָט די כישוף-שטאָט, אַרומשפּאַצירן פראַנק און פריי אויף די באַרימטע פּאַריזער בולוואַרן, באַזוכן פאַרשידענע טעאַטער-ספּעקטאַקלען, אונ-טערנעמונגען און פאַרוויילונגען, מיט וואָס פּאַריז איז אַזוי געבענטשט. כ׳האָב שוין אָנגעהויבן גלייבן, אַז דערמיט ווערט מיר דורך עפּעס אַ השגחה עליונה באַצאָלט אַ שׂכר פאַר מיין אַרבעט לטובת הכלל אין משך פון די צוויי יאָר. דער עקס-פּרעס-צוג אין יענער האַרבסטיקער סוף-אָקטאָבער-נאַכט פון 1947 האָט מיך געהוידעט, פאַרוויגט אין אָנגענעמע חלומות און געבראַכט קיין פּאַריז.

ויהי ערב ויהי בוקר, כ׳בין שוין מיט מזל אין פּאַריז. אויפן וואָקזאַל פון גאַר דע ל׳עסט זענען אונדז געקומען מקבל־פּנים זיין אַ פּאָר יונגעלייט אין דער באַגלייטונג פון אַן אויסגעפּוצט בלאָנד, שיין מיידל. זיי האָבן אונדז צוגעפירט אין אַ דערבייִיק געסל, ווו ס׳זענען געשטאַנען עטלעכע לאַסט־אויטאָס, כדי אונדז איבערצופירן אין דער אַזיל־אַכסניה פונעם קאַזשיסאַר.

„שוין ווידער לאַסטאויטאָס״? — גיט איינער פון אונדז, די פריש געקומענע, אַ געשריי, דערזעענדיק די אָפענע וועגענער. רבונו של עולם, ווען וועט מען שוין פּטור ווערן פון די דאָזיקע עגלות, וואָס דערמאָנען אין יענע טויטן־קעטשלעך, אין וועלכע ס׳זענען געפירט געוואָרן אַזוי פיל מיליאָנען צום אומקום?

מה נאמר ומה נדבר? וואָס טויג דיין טראַכטן, דיינע טענות און מענות? די בחורים מיט דעם צאַצקעדייקן מיידל, מיטן געשמאַקן ציגאַרעטל אין איר מויל, וואָס האָט אומגעזען ווי צוויי רויטע שלאַנגען מיט שמייכלענדיקע ציין, טוען זיך דאָס זייעריקע. זיי נעמען באַלד קאָמאַנדעווען האַלב אויף יידיש, האַלב אויף פראַנצויזיש, וואָס קיינער האָט דאָס סיי ווי נישט פאַרשטאַנען, אַהער־אַהין, אַהין־אַהער, אַ ביסל באַנוצן זיי זיך אויך מיט דער האַנטשפּראַך...

מיט נייגער האָט יעדער געזוכט אויפן וועג אָנצוקוקן און באַווונדערן דאָס שטעטעלע פּאַריז, און עס אין פלוג נישט שטאַרק באַמערקט. אינעם דמיון פלעגט מען זיך פּאַריז אויסמאָלן גאָר אַנדערש, כלל נישט ענלעך צום רעאַלן פּאַריז, וואָס מען זעט איצטער, ווען מיר פאָרן דורך די פאַרחושכטע, פאַרסמאַליעטע געסלעך. הזאת נעמי? דאָס איז עס דאָס

בארימטע שיינע פאריז? — האט מען זיך געפרעגט. קיין וואזשנע פנים האט פאריז אין אונדזערע אויגן דעמאלט נישט געהאט...

מיר האבן געזען פארבייגיין מענטשן מיט עפעס אזוינע דיקלעכע שטעקעלעך אונטערן ארעם. איינער פון אונדז, א בחור מיט א קאפ פון אן אלץ-וויסער, האט דערקלערט, אז דאס זענען ברויטלעך. דאס האט ארויסגערופן א שטארק געלעכטער. ס׳גאנצע לעבן האט מען געוווסט, אז א ברויטל דארף זיין קיילעכדיק און דיק, און דא איז עס גאר שמאל, דאר און לאנג, ווי א שטעקן.

בקיצור, מען פארט און מען פארט, ביז מען איז פארפארן טאקע אינעם אזיל-הויז פון קאזשיסאר. איידער וואס, ווען, זענען דערוויל א פאר געביפטע חברה, טאקע יענע, וואס האבן געוווסט זיך צו באזארגן נאך אין דייטשלאנד מיט עטלעכע פראנצויזישע געלט-באנקנאטן, ארוים אין גאס. דארט האבן זיי געזען, אז מען באקומט צו קויפן גאנצע צווייגן מיט באנאנעס פאר חצי חינם — 1.20 א קילא. באנאנעס איז געוועזן אן ארטיקל, וואס וויייניק פון אונדזערע האבן געוווסט דעם טעם דערפון. האט יעדער פון זיי געכאפט צו צוויי קילא און כהרף עין דאס אריינגעהאקט אין איין אומר ועושׂה, ווי א מאל אין שטעטל א האלבע קווארט יאגדעס אדער קארשן. עד היום איז שווער צו פארשטיין, ווי אזוי דאס איז דעמאלט אדורך גלאטיק אינעם מאגן מיט די אינגעווייידן.

באלד ווערט מען פארשריבן אינעם „ספר הזכרונות" און ס׳ווערט צוגעטיילט פאר אונדז אן אכסניה, א האטעל, הייסט עס, ווו מען ווערט איינקווארטירט. יעדער פון אונדז באקומט א צולאג א גאנצן טויזנטער (הייזטיקע צען פראנק), צי ווי

טאַשן־געלט, צי אפשר ווי אַ קמיע אויף הצלחה — און פּטור אָן עסק, אַראָפּ אָן עול פון קאָפּ... דאָס דאַרף סטייען אוים־צוקומען ביז השי״ת וועט העלפן, און מען וועט אָנקומען יעדער אין זיין פאַר אים באַשטימטן מקום.

פאַרשטייט זיך, אַז די קאַצעטניקעס, וואָס האָבן באַוויזן זיך אַרויסצורייסן פון די נאַצישע הענט און מיט טויזנט נסים איבערגעלעבט די היטלער־חיה, זענען פון אַזאַ „האַרציקער" באַציִונג צו זיי אין דער גרויסער וועלט געוועזן גאָר שטאַרק אַנטוישט. באַלד גיט זיך אָבער אַ מיש אַריין דער בטחון־געפיל, און דער „על כורחך אתה חי" גיט צו דיר אַ טענה: האָסט שוין ערגערס איבערגעלעבט און ביסט דערפון אַרויס, וועסט איצטער אויך זיך אַן עצה געבן. דער עיקר, ברודערקע, האַלט זיך, זיי זיך נישט מייאש, וועסט נאָך זיכער צו עפּעס דער־גרייכן, ווי אַ באַצאָלונג פאַר דעם אַלעם. אַזוי האָט געטענהט דער יצר־טוב...

פאַרשידענע קוריאָזן און קאָמישע סיטואַציעס זענען אין יענע טעג געשען מיט די ניי־איינגעוואַנדערטע יידן, צוליב זייער נישט פאַרשטיין די פראַנצויזישע שפּראַך. מ'האָט גע־ווּסט, אַז אויב מען דערלאַנגט עפּעס, דאַרף מען דערויף ענטפערן מיט אַ „מערסי". דאָס דינסטמיידל פון האָטעל האָט דערלאַנגט דאָס ביסל געקאָכטע וואַסער, וואָס מען האָט ביי איר געבעטן, מיט אַ „וואַלאַ", דאַרף מען דאָך במילא ענטפערן אויף דעם מיט „מערסי". האָט מער ווי איין מאָל געטראָפן, אַז דער דיאַלאָג „וואַלאַ־מערסי" האָט אָנגעהאַלטן שיינע מינוטן: פאַרן „וואַלאַ" אַ „מערסי", און פאַרן „מערסי" ווידער דער „וואַלאַ", און ס'איז געוואָרן אַ מעשׂה אָן אַן עק.

איינער איז צום ערשטן מאָל אַרויס פון זיין האָטעל און געוואָלט אָנקוקן ביי נאַכט די שטאָט פּאַריז. האָט ער פאַר־שטאַנען, קודם־כל, צו פאַרשרייבן דעם נאָמען פון דער מעטראָ־סטאַציע, כדי ער זאָל וויסן מיט איר צוריקצוקומען אַהיים. איז געשען איין קליינינקייט: אַנשטאָט צו פאַרשרייבן דעם נאָמען פון דער מעטראָ־סטאַציע, האָט ער גאָר פאַרשריבן די אויפשריפט „אירינואַר" (וו.צ.), וואָס האָט דאָרט זיך געפו־נען. צוריקוועגס, ביים קויפן דעם בילעט, ווייזט ער דער קאַסירשע אָט די אויפשריפט, מיט דער שטומער ביטע, יענע זאָל אים אינפאָרמירן, ווי אַזוי ער דאַרף פאָרן צו זיך אַהיים. די קאַסירשע האָט זיך דערפון שטאַרק באַליידיקט און זי האָט אים דערפאַר גוט אָנגעזידלט, און דווקא אויף פּראָנצוויזיש. יענער האָט, נעבעך, נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט און איז געבליבן ווי צעטומלט, פון איר וואָרפן זיך אויף אים מיט איר מויל, וואָס האָט געשפּריצט מיט פייער. ער איז געווען ביי זיך זיכער, אַז ער האָט דאָ פאַר זיך אַ געפּערלעכע אַנטי־סעמיטקע; זעענדיק אַן אויסלענדער, אַ ייִד, האָט זי באַוויזן וואָס זי קען.

וואָס טוט מען אָבער פאָרט? ווי אַזוי קומט מען צוריק אין האָטעל אַריין? און דאָ איז שוין באַלד צוועלף דער זייגער. ער וועט דאָך נישט בלייבן נעכטיקן אין מעטראָ. די לאַגע האָט געראַטעוועט אַ ייִד, וואָס איז גראָד אָנגעקומען אין מעטראָ און זיך אַריינגעמישט אינעם עסק. קודם־כל, האָט ער באַרויִקט די מאַדמואַזעל, יענע זאָל זיך נישט אַזוי בייזערן אויף דעם ניי־געקומענעם מענטשן, וועלכער האָט בלויז גע־מאַכט אַ קליינעם טעות ביים פאַרצייכענען אַנשטאָט דעם נאָמען פון דער מעטראָ־סטאַציע, דעם נאָמען פון בית־כסא.

דעם ייִדן האָט ער געפרעגט אויפן נאָמען און אַדרעס פון האָטעל זיינעם און יענער האָט ערשט אַנגעוויזן, וועלכע מעטראָ ער דאַרף נעמען.

מיט אַן אַנדערן האָט ווידער געטראָפן אַזאַ געשיכטע: גייענדיק דעם ערשטן מאָל אין אַ באָד־אַנשטאַלט, האָט אים דער אַנגעשטעלטער דאָרט אַנגעוויזן זיין קאַבינע. ער האָט נישט געוווסט, אַז דאָס דאַרף ער אַליין מאַכן פליסן דעם פרישניץ. שטייט ער אַ נאַקעטער און וואַרט, אַז מסתם וועט דאָס געטאָן ווערן דורך דעם אַנגעשטעלטן אין דרויסן, ווי אַ שטייגער אַ מאָל דער בעדער אין מקווה, אָדער ווי ס'איז געטאָן געוואָרן אין די קאַצעטן. זעענדיק, אַז ס'נעמט נישט קיין סוף צו זיין וואַרטן, מאַכט ער ראַפּטעם אויף די טיר, כדי צו אינטערוועניִרן מ'זאָל אים דערלאַנגען זיין וואַסער. דורך דער צייט האָט זיך דערוויַיל אַנגעקליבן אינעם וואַרטזאַל פון דער באָד־אַנשטאַלט אַ היפּש ביסל מענטשן — פרויען און מענער, וועלכע וואַרטן אויף דער ריי צו באַקומען אַ פרייע קאַבינע. דערזעענדיק דעם פּאַרשוין אַן אָדם־נאַקעטן, האָבן זיך אויפגעהויבן געוואַלדן, קוויטשערייען עד לב השמים. דער בחור האָט פייל פון בויגן צוריק זיך פאַרהאַקט אין זיין קאַבינע, אַרויפגעצויגן אויף זיך זיינע מלבושים און זיך אָפּ־געטראָגן פון דאָרט אַ נישט געבאָדענער.

די לאַגע אין דעם פּרט איז געווען אַ בעסערע, ווען מען האָט באַדאַרפט גיין צום קאָנסול און כאַפּן מיט אים אַ שמועס מכוח דער וויזע. דעמאָלט פלעגט זיך מיט דיר מטריח זיין אַ באַאַמטער פון אַ ייִדישער אינסטיטוציע, און ער איז געווען דער איבערזעצער צווישן דעם פאַראינטערעסירטן און זיין עקסעלענץ, דער קאָנסול פון געגעבענעם לאַנד.

ווען ס׳איז געקומען מיין טאָג זיך פאַרצושטעלן פאַרן טשיליאַנער קאָנסול, האָב איך צוזאַמענגענומען דאָס גאַנצע האָב-און-גוטס, דאָס ביסל פּאַפּירן, הייסט עס, די אַרויספּאָ־דערונגען, סערטיפיקאַטן מיטן גאַנצן קלאַפּער-געצייג און עס דערלאַנגט דעם קאָנסול, זייענדיק זיכער, אַז איינס און צוויי וועל איך פון אים באַקומען דאָס היילקע פּאַפּירל מיטן סטעמ־פּעלע, די וויזע, הייסט עס, צו קאָנען פאָרן קיין טשילע. און פּלוצעם, זע נאָר זע, סאַראַ זויערע מינע ער מאַכט דאָס, דער קאָנסול! איין פּאַפּירל, אַ סערטיפיקאַט אַזאַ, אַרויסגעגעבן פונעם „יידישן אַרבעטער-קאָמיטעט" אין פעלדאַפינג, איז אים נישט צו שטאַרק געפעלן געוואָרן, מסתמא צוליב דער יידישקייט. ער מוז, זאָגט ער, זיך אָנפרעגן ביי זיין רעגירונג, יענע זאָל געבן דעם הכשר, צי ווי אַ ייד בין איך ראוי צו באַטרעטן די היילקע טשיליאַנער ערד.

אַזוי גאָר? איז שוין ווידער אַ שאַנדפלעק צו זיין אַ ייד? ווייניק נאָך געליטן פאַרן דאָזיקן „חטא"? הייסט עס, אַז דאָס ביסל שרידים פונעם נאַצי-מבול שטעכט ווידער די אויגן פון דער וועלט? „ווי קאָן דאָס זיין"? — פרעג איך מיט ביטער־ניש דעם יידישן באַאַמטן, מיין באַגלייטער צום קאָנסול — „ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך"? אויף דעם באַקום איך אַן ענטפער, ווי יענער כּעלעמער: „דו זעסט דאָך"...

בקיצור, ס׳העלפן נישט קיין טענות. ער מוז, זאָגט דער קאָנסול, אָפּהיטן די דינים פון זיין מלוכה, און טו אים עפּעס. בלייבט איבער צו וואַרטן אויף דער תשובה פון דער טשיל־יאַנער רעגירונג.

בינו לבינו, דאַרף מען באַזאָרגן זיך מיט די נויטיקע דאָקומענטן, וואָס דער קאָנסול פאַרלאַנגט, כדי צו באַווייזן די פאַכמענישע קוואַליפיקאַציעס, וואָס מען באַזיצט.

די אַרויספאָדערונג איז פאַר מיר געווען צו קומען קיין טשילע ווי אַ טעקסטיל־מעכאַניקער, אין וועלכע דאָס לאַנד טשילע נויטיקט זיך. האָט מען בכן געטראַכט תחבולות, ווי אַזוי דאָס צו באַשטעטיקן מיט באַווייזן.

ד״ר מאַרק דוואָרזשעצקי, דעמאָלטדיקער שעף־רעדאַק־טאָר פון „אונדזער וואָרט״ וועלכער האָט מיך געקענט פון די אויפטריטן אויף די „פרייטיק־צו־נאַכטסן״, וואָס זענען פאָרגעקומען אין יענער צייט אין פאַריז אויף זיין איניציאַטיוו, האָט מיך געעצהט צו פאָרן וועגן דעם ענין קיין ראָאַן, ווו ס׳זענען פאַראַן אַ סך יידישע טעקסטיל־פאַבריקאַנטן. זיי וועלן מיר זיכער קאָנען העלפן. ער גיט מיר טאַקע מיט אַ בריוול צו די דאָרטיקע תושבים יוסף האָלענדער און פרוי, מיט דער בקשה, יענע זאָלן זיך משתדל זיין פאַר מיר, ווו מען דאַרף.

פאָרן קיין ראָאַן? ס׳איז פאָלג מיך אַ גאַנג. קוים מיט צרות האָב איך זיך דערוווסט דעם טייטש פון עטלעכע פראַנצויזישע ווערטער: פאַרדאָן, מערסי, מיסיע, מאַדאַם, טאַ ווי קאָן מען זיך אַ לאָז טאָן מיט אַ שטומער צונג אין אַ ווילד־פרעמדער שטאָט אַריין? דערצו נאָך דאַרף מען פאָרן ביי נאַכט, פון צען אָוונט ביז באַגינען. אָבער וואָס טוט מען נישט וועגן אַ שטיקל וויזע? בפרט נאָך קיין טשילע, ווו ס׳ליגט ממש גאָלד אין די גאַסן און מען וואַרט נאָר, דו זאָלסט קומען אַהין און דאָס אויפקלייבן...

פאַרשטייט זיך, וועגן כאַפּן אַ דרעמל אין באַן, איז נישט געווען צו טראַכטן אַפילו. די וואַגאָנעס און אויך די סטאַציעס

זענען כמעט נישט געווען באַלויכטן, צו קאָנען, לפּחות, איבער־לייענען דעם נאָמען פון דער סטאַציע און וויסן ווו מען דאַרף אַראָפּגיין, אין ראָאַן. די באַן קאָן דיך פאַרשלעפּן, מי יודע, אין סאַראַ ווייטן מהלך. מחמת דער פינצטערניש האָט אויך די האַנטשפּראַך ביי מיר נישט געהאַט קיין פּעולה. אַ נס, וואָס כ׳האָב דעם נאָמען פון דער שטאָט ראָאַן גערעדנקט און געקענט פון אויסנווייניק. ביי יעדער סטאַציע, ווו די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט, פלעג איך גלייך אַ פרעג טאָן בקול רם: ראָאַן? דער ענטפער איז זיכער געווען: „פּאַז אַנקאָר״ (נאָך נישט). פון דעם צו אָפּטן שטעלן די זעלביקע שאלה האָט מען מיך זיכער באַטראַכט ווי עפּעס אַן אַנשיקעניש: אַ פאַרשוין זאָל האַלטן אין איין פרעגן: ראָאַן, ראָאַן, וואָס דאַרף ערשט קאַפּויער קומען אין אַ פּאָר שעה אַרום?

געלויבט איז זיין ליבער נאָמען! ענדלעך בין איך פאַר־פאָרן און אָנגעקומען אויף דער סטאַציע ראָאַן. איינער אַ מיטפּאָרער, ווייזט אויס אַ בעל־רחמנות, האָט מיר אָנגעזאָגט די בשורה: „וואָלאַ ראָאַן״, און מיר געהאָלפן עפענען די טיר פון וואַגאָן. אָבער ווו גיין? ווי אַזוי און וווהין? קיין קרוב, קיין גואל, דערצו שטום ווי אַ פיש, כדי צו קאָנען ביי עמעצן עפּעס פרעגן, און טאַקע אויך פאַרשטיין יענעמס תשובה. די רייזנדיקע פאַרשוינען לויפן אַרויף און אַראָפּ פון צוג, און דאָ איז נאָך שטאַרק פינצטער, ווי אין אַ זאַק. מוז מען, הייסט עס, קודם־כל צוּוואַרטן ביז ס׳וועט ווערן טאָג.

אַ ציטונגס־פאַרקויפער האָט זיך מטפּל געווען מיט די פּעק גאַזעטן, וואָס זענען אָנגעקומען מיט דער זעלביקער באַן. איך האָב אים געוויזן דעם אויפגעשריבענעם אַדרעס פון דער משפחה האָלענדער. ער האָט מיר אָנגעוויזן, כ׳זאָל זיך אַוועק־

שטעלן אין אַ זייט און וואַרטן ביז ער וועט פאַרטיק ווערן מיט זיין עסק, וועט ער מיך דערנאָך צופירן אויף דעם אָנגעווי־זענעם אַדרעס. וכך הווה. בהיות הבוקר, אַרום ניין אַ זייגער אין דער פרי, בין איך שוין געווען ביי דער נאָבעלער משפחה האַלענדער.

ווער קאָן דאָ איבערגעבן סאַראַ וואַרעמקייט און האַרצי־קייט ס׳האָבן אַרויסגעבראַכט די טייערע און איידעלע ייִדן? אַ וואַרעמקייט, וואָס האָט זיך צעגאָסן אין אַלע רמ״ח־אברים און אַ האַרציקייט, וואָס איז אַריינגעדרונגען טיף אין דער נשמה. דאָס איז געווען אַזוי נויטיק פאַרן געמיט און פשוט אַ היילונג פאַר די בלויז פאַרבאַנדאַזשירטע ווּנדן, וואָס האָבן נאָך געאייטערט פונעם היטלער־חורבן. תיכף ומיד ווי זיי האָבן זיך נאָר דערוווּסט וועגן דער טובה, וואָס מען דאַרף טאָן אַ ייִדן, האָבן זיי זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט אַ טעקסטיל־פאַבריקאַנט אין ראָאַן, קאָט, פון וועמען ער האָט באַלד באַקומען פאַר מיר דעם געבעטענעם סערטיפיקאַט, ווי פון אַ קוואַליפיצירטן מומחה און וועבער־מייסטער. מיט גרויס שׂמחה בין איך דערמיט צוריקגעקומען קיין פּאַריז, ממש ווי מיט אַ געפונענעם טייערן בריליאַנט. און ווען ס׳איז געקומען דער טאָג, וואָס כ׳האָב זיך געדאַרפט שטעלן פאַרן קאָנסול, איז מיר כלל נישט איינגעפאַלן צו ספקן אינעם פּאָזיטיוון רעזולטאַט. איין קלייניקייט, אַ באַשטעטיקונג פון פראַנצוי־זישע טעקסטיל־פאַבריקאַנטן, וואָס עדותט וועגן מיינע בעסטע קוואַליפיקאַציעס אין דער וועבער־מלאכה!

אָבער דער מענטש טראַכט און דער קאָנסול לאַכט. דאָס וואַזשנע פּאַפּירל, וואָס איז אין מיינע אויגן געווען מיט גאָלד צוגלייך, העלפט ווי אַ טויטן באַנקעס. דער ענטפער, וואָס דער

קאָנסול האָט באַקומען פון זיין טשיליאַנער רעגירונג איז געוועזן לא מיט אַ ספּאָדעק. אמת טאַקע, אַז אַלץ איז וווּל און פיין, מען נויטיקט זיך טאַקע אין זיין לאַנד אין אַזוינע געניטע פאַכמענער פון דעם מין, אָבער נישט אין קיין ייִדן. קליפּ און קלאָר, אָן שום דריידלעך און קונצן, גיט ער דאָס בפירוש אַ זאָג אָפּ.

ס'העלפט נישט קיין געבעט, קיין געוויין. רעד היינט, רעד מאָרגן, דער קאָנסול זאָגט זיך דאָס זייניקע. געזעץ איז געזעץ, באַפעל איז באַפעל און ער מוז עס רעספּעקטירן.

גיי איך דאָך אַרויס מיט אַ טענה צו מיין באַגלייטער, דעם באַאַמטן פון „דזשאָינט", הלמאַי זיי האָבן מיך פאַרנאַרט אַהער אין דעם ריזיקן קעסל פּאַריז? מען האָט מיך אַרויס־געשלעפּט פון דייטשלאַנד, וואָס איז טאַקע אָנגעזאַפּט מיט ייִדיש בלוט און טרערן, אָבער דאָרט בין איך פאָרט געווען אַ שטיקל מענטש, ווי נישט איז איינגעאָרדנט. און דאָ, אין דעם פּאַריז, בין איך דאָך עלנט ווי אַ שטיין.

דער יונגערמאַן לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, האָט נעבעך נישט וואָס צו ענטפערן אויף מיינע גערעכטע טענות. ער ראָט מיך צו קומען אין ביוראָ, וועט מען זען וואָס ס'איז פאַראַן צו טאָן.

הייבט זיך ווידער אָן אַ לויפעניש צום „דזשאָינט", „האַיאַס" און צו נאָך אַנדערע פאַרזאָרגערס. מען פאַרלירט טעג, וואָכן, ביים שטיין כסדר אין רייען און וואַרטן אויפגענומען צו ווערן פון עפּעס אַ שטיקל באַאַמטן דאָרט, כדי זיך מיט אים אויס־צוטענהען, אויסוויינען פאַר אים דאָס פאַרביטערטע האַרץ. און סיי ווי האָט עס אַ קנאַפּע פעולה. תמיד און אומעטום הערסטו דעם זעלביקן ענטפער: מ'קאָן נישט...

צערונען זענען מיט אַ מאָל געוואָרן די זיסע חלומות און פאַנטאַזיעס וועגן אַ גליקלעכער צוקונפט אין טשילע־לאַנד, אַ צוקונפט, וואָס איז דיר שטאַרק צום האַרצן — צו פאַרנעמען זיך ווייטער מיט יידישער קולטור, אַ המשך פונעם די.פּי.־לאַגער פעלדאַפינג, ווו מען איז געווען אַקטיוו אויף דעם געביט. און דאָ, מיט אַ מאָל — אוים, אַלץ אוים. וואָס זשע טוט מען? צו וואָס זיך נעמען? און צו וועלכן תכלית, כדי זיך דערפון צו קאָנען מפרנס זיין? דאָס בחינמדיקע מיטאָג, וואָס מען האָט באַקומען אין די פאָלקסקיכן, האָט געהאַט אַ נאָך־טעם פון די לאַגער־עסנס און איז נישט געווען שטאַרק ניחא.

אינעם „ייִקוט"-טעאַטער

אין יענער צייט איז געקומען קיין פּאַריז דער רעזשיסער און שוישפּילער יעקב מאַנסדאָרף ע"ה. ער האָט איבערגענומען די קינסטלערישע לייטונג פונעם געשאַפענעם „ייִקוט"-טעאַטער, מיט וועלכן ער האָט אויפגעפירט עטלעכע פּיעסן. מיטן אַנטשטיין פון מדינת ישׂראל, האָט ער זיך געגרייט אויפצופירן די פּיעסע פון אַשמאַן „אונדזער ערד". צו אָט דער אויפפירונג האָט זיך געפאָדערט אַ גרעסערער שוישפּילער-אַנסאַמבל. אין יענע טעג איז אויך געוואָרן איינגעאָרדנט אַ גרויסער ליטעראַרישער אָוונט לכבוד דעם דיכטער משה שולשטיין צום דערשיינען פון זיין בוך לידער און פּאָעמעס „אַ בוים צווישן חורבות". אויף דעם דאָזיקן אָוונט, וואָס איז אויך געווען פאַרזען מיט אַ רייכן אַרטיסטישן טייל, אין וועלכן ס'האָבן זיך באַטייליקט אַ צענדליק שוישפּילער, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין פּאַריז, ווי יאָנאַס טורקאָוו, גרינהויז, זאַבלודאָווסקי און אַנדערע, ואני הקטן בתוכם, איז אויך געווען אָנוועזנדיק יעקב מאַנסדאָרף. יעדער פון די אַקטיאָרן האָט באַדאַרפן לייענען אַ שולשטיין-שאַפונג. איך האָב אויסגעקליבן צום לייענען זיין באַרימטע און שטאַרקע פּאָעמע „כ'האָב געזען אַ באַרג", וועלכע איך האָב שוין פריִער גוט באַהערשט. משמעות, אַז כ'האָב נושׂא חן געווען אויך אין מאַנסדאָרפס אויגן, ווייל באַלד צו מאָרגנס איז געקומען צו מיר אין האָטעל זאַמי פּעדער, דער סעקרעטאַר פונעם טעאַטער-ראַט, און מיר פאָרגעלייגט מיטצואַרבעטן פּראָפעסיאָנעל אינעם „ייִקוט"-

טעאַטער. פּראָפעסיאָנעל האָט דאָס געהייסן דערמיט, אַז דאָס שפּילן טעאַטער זאָל ווערן מיין טעגלעכע עבודה, איך זאָל קומען אויף פּראָבן, ווי צו אַ נאָרמאַלער אַרבעט, און איך וועל דערפאַר באַקומען כך־וכך. אמת טאַקע, אַז פון דער פאַרגעלייגטער גאַזשע האָט מען נישט געקאָנט מאַכן קיין וואַזשנע לעבן, אָבער שטאַרבן דערפון, חלילה, — אויך נישט. איך האָב תיכּף מסכּים געווען אויפן פאָרשלאָג און דער „שידוך" איז געוואָרן געשלאָסן.

איז דאָך אָבער פאַראַן אַן „אָבער", וואָס מאַכט מער ווי איין מאָל אַ תל פון אַלע גליקן און צעשטערט אַלע פּלענער.

דער „יִקוט"־טעאַטער איז, ווי באַוווּסט, געשאַפן געוואָרן אויף געזעלשאַפטלעכע יסודות, דורך וועלכע ער איז געוואָרן געשטיצט און אויסגעהאַלטן. מאַכט זיך אַ מעשׂה, און דער שלום־בית צווישן די פאַרשידענע געזעלשאַפטן און אינסטי־טוציעס איז צעשטערט געוואָרן. האָט דאָס טעאַטער גענומען צאַנקען, ווי אַ ליכטל, און נאָך עטלעכע אויפפירונגען — לסוף זיך פאַנאַנדערגעפאַלן, און דערצו נאָך אָנגעזעצט די נעבעכ־דיקע גאַזשעס פאַר די אַקטיאָרן. אויף מיין חלק האָט דאָס אויסגעמאַכט נישט מער ווי שני פּעמים חי, זעקס און דרייסיק טויזנט פראַנק (אַלטע) — דעם אייגנטלעכן געהאַלט פאַר זעקס וואָכן. גיי נעם און רעד צו דער וואַנט... דאָס דאָזיקע איז פאַר מיר געווען אַ דאָפּלטע קאַטאַסטראָפע. ראשית, אויפ־צוהערן שפּילן טעאַטער, גיין אויף פּראָבן, לערנען ראָלן, נו, מאַכט מען נישט דערביי קיין גרויסע גליקן, ווי ביי פאַר־שידענע מסחרים, דערפאַר אָבער פירט מען דאָך אויס אַ שטיקל שליחות. און דאָ, מיט אַ מאָל, „אויס כּלה און צוריק מויד". שנית, בין איך, לא עליכם, געבליבן אָן אַ גראָשן ביי

דער נשמה. גיי, דריי זיך אַרום אין פּאַריז אָן געלט און קעשענע. סאַראַ טעם קאָן שוין, מישטיינס געזאָגט, האָבן אַזאַ פּאַריז? און ס׳בלייבט איבער צו טאָן ווי אינעם לידל: „איך גיי שוין צוריק צום שניידער־שאָפּ / ווייל די אַקטיאָרן האָבן מיר פאַרדרייט דעם קאָפּ / זיי האָבן מיר די וואָנצעס אָפּגע־גאָלט / קיין גראָשן געלט מיר נישט באַצאָלט /...”

די צרה איז אָבער געווען וואָס כ׳האָב נישט געקאָנט געפינען אָט אַזאַ שניידער־שאָפּ. איין קלייניקייט, איך קען דאָך נישט דאָס פאַך. שיקט אָבער גאָט צו די רפואה פאַר דער מכה, זאָגט אַ ייִדיש ווערטל, און עפּעס ענלעכס איז מיט מיר טאַקע דעמאָלט געשען.

צו מיין גרויס גליק האָב איך, אַרבעטנדיק אינעם „ייִקוט”־טעאַטער, דאָרט אָפּט באַגעגנט מיין טייערע און האַרציקע לעבנס־באַגלייטערין. זי פלעגט מאַכן די קאָסטיומען פאַר די פאַרשידענע טעאַטער־אויפפירונגען. זי איז געווען גוט באַ־האַוונט אין דאַמען־שניידעריי, פון וואָס זי האָט געצויגן חיונה. איר מאַן, דער הויפּט־אַקטיאָר אינעם פאַרמלחמהדיקן פּאַריזער ייִדישן טעאַטער „פּיאַט”, הערמאַן ראָזנפאַרב, איז, ווי אַ סך טויזנטער אַנדערע ייִדן, געוואָרן דעפּאָרטירט קיין אוישוויץ און זיך מער נישט צוריקגעקערט. אַליין האָט זי, מיט איר טאָכטער זשאַקלין, די שפּעטערדיקע שוישפּילערין פונעם „ייִקוט”, דורך פאַרשידענע נסים זיך געראַטעוועט פון די נאַצי־נעגל. אירע אַלע יאָרן אין פּאַריז פלעגט זי האָבן אַ שייכות צום טעאַטער, צוזאַמען מיט איר מאַן הערמאַן.

געווען איז דאָס זומער 1948, ווען דער „ייִקוט”־טעאַטער איז נאָך געווען, ווי מען זאָגט, „אין די פעדערן” און געוואָרן

געשטיצט פון פאַרשידענע אינסטיטוציעס, צווישן אַנדערע אויך פונעם „דזשאָינט״. דער „דזשאָינט״ האָט דעמאָלט צו־געטיילט אַ געוויסע סומע געלט פאַרן טעאַטער־קאָלעקטיוו, ווי אַ צושטייער צו קאָנען אַרויספאָרן אויף וואַקאַנס און זיך אָפּרוען אַ ביסל.

פאַרשטייט זיך, אַז די הויפּט־מחותנים צו גענים פון דער דאָזיקער צוטיילונג זענען געווען די „פּני״ פונעם קאָלעקטיוו. דאָס הייסט די, וואָס האָבן געשפּילט די ערשטע פידל, אָדער וואָס האָבן געהאַט „פּלייצעס״. היות אני הקטן האָב נישט געהערט צו די ביידע קאַטעגאָריעס, בין איך געבליבן מחוץ למחנה. ווען דער „יקוט״־שוישפּילער, לעאָן שפּיגלמאַן, האָט דערהערט דעם רעזולטאַט פון דער פאַרטיילונג, האָט ער דערקלערט, אַז ער איז מוותר אויף זיין צוטיילונג לטובת דעם חבר פּערלמוטער. ווי אַ געוועזענער דעפּאָרטירטער פאַרדינט ער גיכער די פּרעמיע ווי אַנדערע. זיין שיינער זשעסט האָט אַלעמען איבערראַשט און מיך שטאַרק גערירט. נאָך מער: וויסנדיק ווייל, אַז ווי אַ „גרינער״ וועל איך זיין געקוועלט אַליין זיך אַרומצובלאָנקען ערגעץ צווישן פּראָנצוויזן, און נישט צו קאָנען מיט זיי זיך פאַרשטענדיקן, האָט ער מיך פאַרבעטן צו פאַרברענגען די פּאָר וואַקאַנס־וואָכן צוזאַמען מיט אים און זיין פאַמיליע. כ׳וועל מיטפאָרן אין זיין אויטאָ און אַזוי אַרום וועל איך אויך איינשפּאָרן די רייזע־הוצאות.

פאַרשטייט זיך, אַז כ׳האָב מיט פאַרגעניגן און דאַנק אָנגענומען די פאַרבינדונג, און דעם ערשטן וואַקאַנס אין פראַנקרייך האָב איך, אַ דאַנק אים, פאַרבראַכט אויף אַ לייטישן אופן, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע חברים פונעם טע־אַטער־קאָלעקטיוו, צווישן זיי — אויך דער באַליבטער שוי־

שפּילער און רעזשיסער משה קינמאָן מיט זיין פרוי דאָרקע. דאָס דאָזיקע האָט מסתמא געגעבן די געלעגנהייט זיך צו קאָנען אָבסערווירן פון דער נאָענט און באַקענען יענעמס כאַראַקטער אינעם פּריוואַטן לעבן. כ'האָב זיך שפּעטער דער-וווּסט, אַז מיינע „יִקוּט"-חברים האָבן איבערגעגעבן מיין אומפּאַרגעסלעכער פעלישי ע"ה די מעלות פון דעם פריש געקומענעם חבר פערלמוטער, וועלכער שיינט, ווערדליק זיי, צו זיין, ווי מען זאָגט, „אַ ווילער בחור". וואָלט דעריבער געווען אַ יושר זי זאָל זיך מיט מיר נענטער באַקענען און אַ טראַכט טאָן מכּוח אונדזער ביידנס צוקונפט. דעמאָלט האָבן זיך געשאַפן פאַרשידענע געלעגנהייטן זיך צו באַגעגענען מיט מיין פעלישי און מיר האָבן באַשלאָסן זיך צו פאַרבינדן.

דער ווּנטש און ציל פון מיין טרייער פרוי איז געווען, מיך לאָזן רוען אין מיינע נייע געפונענע יאָרן, איך זאָל מיט מיינע שוואַכע כּוחות מער נישט דאַרפן פיזיש אַרבעטן. זאָל דאָס זיין, פלעגט זי מיר זאָגן, לפּחות אַ שטיקל רעהאַבילי-טאַציע פאַר דעם, וואָס דו האָסט זיך אָנגעליטן ביי די היט-לעריסטן אין די לאַגערן. איך האָב נישט געוואָלט ווערן אַ ליידיק-גייער און לעבן דערפון וואָס די גוטהאַרציקע פרוי פאַרדינט ביי איר אַרבעט. איך האָב איר זייער געדאַנקט פאַר איר ביז גאָר איידעלן פאָרשלאָג, און געבעטן, זי זאָל מיר אָנווייזן, מיך אויסלערנען, ווי אַזוי און מיט וואָס איך בײַ-הילפיק צו זיין אין דער שניידער-מלאכה. ביסלעכווייז האָב איך דאָס ביי איר אויסגעפועלט, און מיט אינטערעס און חשק זיך צוגעכאַפּט צום פאַך.

ווען ס'איז, נאָך אַן איבעררייס פון עטלעכע יאָר, צוריק

געשאַפן געוואָרן דער „פּאַריזער ייִדישער טעאַטער־אַנסאַמבל״, צו וועלכן ס׳איז צווישן אַנדערע געוואָרן אַנגאַזשירט דער טעאַטער־רעזשיסער יעקב ראָטבוים, צוזאַמען מיט זיין לעבנס־באַגלייטערין סילוויאַ סוועץ ע״ה, האָט אין מיין האַרצן ווידער אַ צאַפּל געטאָן דער דראַנג מיט עפּעס בייהילפיק צו זיין דער „סוכּת דוד הנופלת״, צו העלפן דעם פּריש צונויפגעשטעלטן ייִדישן טעאַטער אין פּאַריז, הייסט עס. איך האָב ביי זיך באַשלאָסן צוצולייגן אַ האַנט צום דאָזיקן בנין, בין געוואָרן אַ מיטגליד אין דעם געשאַפענעם געזעלשאַפטלעכן טעאַטער־קאָמיטעט, כּדי צו קאָנען מיט ראַט און טאַט העלפן דעם טעאַטער.

למען האמת, דאַרף געזאָגט ווערן, אַז מיטן קומען פון יעקב ראָטבוים צום טעאַטער־אַנסאַמבל, האָט דער טעאַטער באַלד באַקומען אַ ניי פּנים. זיין ערשטע אויפפירונג, „דאָס גרויסע געווינס״ פון שלום־עליכם, האָט באַלד אויפגעוועקט די שוין פאַרדרעמלטע ייִדן, וואָס פלעגן לעכצן נאָך דעם בעסערן ייִדישן טעאַטער. דער דאָזיקער פּרעכטיקער ספּעק־טאַקל האָט צוריק מחיה מתים געווען דאָס ייִדישע טעאַטער אין פּאַריז. דער דערפאָלג פון דער פאָרשטעלונג איז געווען אַ גרויסער און מען האָט געקאָנט מיינען, אַז ייִדיש טעאַטער אין פּאַריז „לא ישקר״. די פּרעסע־און טעאַטער־קריטיקער האָבן זיך וועגן דער פאָרשטעלונג אָפּגערופן מיט לויב און ברכות פון אריכות ימים, אַזוי פאַרן טעאַטער־קאָלעקטיוו, ווי פאַר דעם געזעלשאַפטלעכן טעאַטער־קאָמיטעט.

בינו לבינו, איז צוריק באַנייט געוואָרן די אויפפירונג פון „דעם שמידס טעכטער״ פון פּרץ הירשביין דורך דעם רעזשי־סער משה קינמאַן, וועלכער האָט שוין אין די ערשטע יאָרן

נאָך דער באַפרייונג אויפגעפירט די פּיעסע מיט דעם דעמאָל־טיקן „יִקוט"־טעאַטער. צו דער פאָרשטעלונג איז ספּעציעל געשאַפן געוואָרן מוזיק דורך דעם באַרימטן יִדישן קאָמפּאָ־זיטאָר העניעך קאָן ע"ה. די פאָרשטעלונג איז ביידע מאָל גע־קרוינט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג.

דעם גאָר גרויסן דערפאָלג האָט דער קאָלעקטיוו געהאַט צו פאַרצייכענען מיט אַ ספּעקטאַקל, וואָס האָט צום לענגסטן זיך געהאַלטן אויף דער בינע — „דער גאָלדפאַדן־חלום", אינסצעניזאַציע און רעזשי פון יעקב ראָטבוים. טראָץ דעם, וואָס דער דאָזיקער ספּעקטאַקל איז שוין דורך אים אויפגע־פירט געוואָרן נאָך דער באַפרייונג מיטן „יִקוט"־טעאַטער, און מיט אַ צייט שפּעטער אויך געשפּילט געוורן דורכן יִדישן מלוכה־טעאַטער אין פּוילן בעת זייער גאַסטראָלירן אין פּאַריז, האָט דאָס אָבער נישט געשטערט, אַז דער ביז גאָר פאַרביקער און גוט מאָנטירטער ספּעקטאַקל זאָל געשפּילט ווערן אַזש זעכצן מאָל דורכן „פּאַריזער יִדישן טעאַטער־אַנסאַמבל" — בפירוש אַ זעלטנקייט ביי אַ יִדישער טעאַטער־אויפפירונג.

דער טעאַטער־אַנסאַמבל פלעגט דערנאָך אין יעדן סעזאָן אַרויפברענגען אויף דער בינע פאַרשידענע פּיעסן, אויפגע־פירטע דורך אַזעלכע רעזשיסערן, ווי יעקב ראָטבוים, חבל בוזגאַן, אוזי שאַפּיראָ, י. שורמיע און משה קינמאַן, מאַנכע מיט אַ גרעסערן און מאַנכע מיט אַ קנאַפּערן דערפאָלג. אָבער טראָץ אַלע שוועריקייטן און ראַנגלענישן, איז די לעצטע אויפפירונג פונעם אַנסאַמבל, „דאָס פאַרכישופטע שניידערל" פון שלום־עליכם, אינסצעניזאַציע און רעזשי משה קינמאַן, געוואָרן גוט אויפגענומען און אַלעמען באַוויזן, אַז יִדיש טעאַטער אין פּאַריז קאָן און דאַרף עקזיסטירן.

נאָכוואָרט

מיין שרייבערישע טעטיקייט און דאָס אַרויסגעבן די דריי ביכער: „מיין סטערצעוו", „אַן אַקטיאָר אין אוישוויץ" און דאָס דאָזיקע בוך „טעאַטער נאָכן חורבן", האָב איך צו פֿאַר־דאַנקען דריי פֿאַר מיר זייער טייערע און נאָענטע מענטשן: מיין טרייער לעבנסבאַגלייטערין פֿעלישי ע"ה און יבדל לחיים ארוכים — דעם ליבהאַרציקן קוואַליקן גרויסן דיכטער אַברהם סוצקעווער נ"י, און דעם באַוווּסטן שרייבער סט. וויגאָדזקי.

געווען איז דאָס אין אַ זומערטאָג פֿון ניינצן פֿינף און זעכציק. מיין פֿרוי האָט אין יענעם טאָג באַמערקט, ווי איך דריי זיך אַרום אין אונדזער גאָרטן אַ ביסל אומעטיק און ווייס נישט וואָס צו טאָן מיט זיך. און אומגעריכט גיט זי צו מיר אַ זאָג:

„כ'ווייס נישט פֿאַר וואָס דו זאָלסט זיך נישט נעמען עפּעס אָנצושרייבן? דו פֿלעגסט דאָך מיר דערציילן וועגן אַזוי פֿיל עפּיזאָדן און געשעעענישן פֿון דיין שטעטל. ס'וואָלט, כ'לעבן, כדאי געווען דאָס צו באַשרייבן און פֿאַרעפֿנטלעכן".

„דו מיינסט, אַז כ'זאָל שרייבן אַ בוך"?

„פֿאַר וואָס נישט? פֿון דעם אַלעם, וואָס כ'האָב זיך פֿון דיר שוין אָנגעהערט, קאָן גריילעך געמאָלט זיין, אַז דאָס זאָל ווערן אַריינגענומען צווישן טאָוולען" — זי ציטירט דערביי דעם זינגער־קאָמפּאָזיטאָר רישאַרד אַנטאָני, זיין ליד „פֿלאַנץ אַ בוים" — „פֿלאַנץ אים ווו די ווילסט — אינעם גאָרטן, אינעם וואַלד, אינעם הויז, אַבי פֿלאַנץ, ס'זאָל בלייבן אַ זכר" —

„אויך דו דאַרפסט דאָס טאָן, יעדער מענטש דאַרף עפּעס מתקן זיין ביים לעבן. קודם־כל, וועסטו האָבן מיט וואָס צו פאַר־נעמען זיך און אפשר וועט עפּעס דערפון אַרויסקומען אויך״?

איך בין דערפון נתפעל געוואָרן און תוך כדי דיבור האָב איך גענומען מאַכן נאָטיצן פאַר אַ דערציילונג.

אָנגעשריבן עטלעכע דערציילונגען און זיי איבערגעלייענט פאַר מיין ערשטער רעצענזענטין און סטימולאַנטין, האָבן מיר באַשלאָסן זיי צו ווייזן אַ פען־מענטשן און דווקא אַזאַ איינעם, וואָס קען מיך נישט, כדי צו הערן זיין אָביעקטיווע מיינונג, צי ס׳איז כדאי און צי ס׳האָט אַ זין דאָס אַרויסצוגעבן אין בוך־פאָרעם.

איז מיר איינגעפאַלן די כתבים צו שיקן צו אַברהם סוצ־קעווער, מיט דער בקשה, ער זאָל באַוויליקן זיי איבערצו־לייענען און דערנאָך מיר צו וויסן געבן זיין מיינונג. געשריבן האָט ער מיר דעמאָלט אָט וואָס: „איבערגעלייענט אייערע דערציילונגען. זיי זענען געשריבן אין אַ ריינעם, געשמאַקן, פּליסיקן יידיש. דאָס זענען זייער גוט־דערציילטע זכרונות. אויב דאָס איז זייער מיין ביים שרייבן זיי, וועט איר דער־גרייכן אייער ציל. מען קאָן אויך זכרונות פאַרוואַנדלען אין קינסטלערישער בעלעטריסטיק; שרייבט ווייטער. איך ווינטש אייך הצלחה. מיינע בעסטע גרוסן. מיט פריינדשאַפט — אייער א. סוצקעווער״.

אויך סט. וויגאָדזקי האָט מיר דעמאָלט געשריבן: „דו האָסט אַ וווּנדערבאַר לשון צום שרייבן, ס׳איז ענלעך צו שלום־עליכם שפּראַך. היינט שרייבט מען זעלטן אין אָט דעם נוסח״.

פאַרשטייט זיך, אַז פון אָט די גוטע בריוולעך זענען מיר געוואָרן צעוואַרעמט. דאָס האָט מיך שטאַרק געמוטיקט

און כ׳האָב גענומען ממשיך זיין מיטן שרייבן און אין אַ צייט אַרום איז אַרויס מיין ערשט ספרל „מיין סטערצעוו״.

די אָפּרופן האָבן אונדז אָנגעפילט מיט פרייד, און באַלד דערנאָך האָב איך גענומען אַרבעטן איבער מיין צווייטן בוך „אַן אַקטיאָר אין אוישוויץ״. אָבער אין מיטן האָב איך די אַרבעט איבערגעריסן. כ׳האָב אָנגעווירן דעם מוט דאָס צו פאַרענדיקן. „למה זה אנוכי״? צו וואָס ווידער אויפוועקן דעם ים מיט צרות און אַכזריותן פון יענער פינצטערער תקופה?

אָפּגעשלאָגן מיין אומחשק דערצו האָט מיין חבר, דער באַוווּסטער שרייבער און עסייִסט סט. וויגאָדזקי. ער האָט מיך געראָטן ממשיך זיין מיט מיין שרייבן, און דווקא יאָ אַרויסגעבן דאָס בוך. דאָס זעלביקע האָט אויך געטאָן מיין נאָענטער פריינד, דער דיכטער אַברהם סוצקעווער.

צום אָנשרייבן דאָס דאָזיקע בוך האָט מיך אויך אָנגערעגט מיין טרייע לעבנסבאַגלייטערין. זי האָט אָבער נישט געאַנט, אַז דאָס ספר וועט זיין געווידמעט איר ליכטיקן זיכרון.

אינהאַלט

תחית המתים 9

אַרויס פון לאַגער און אַריין אין לאַגער . . . 22

די ערשטע אויפפירונג 31

טעאַטער „עמך" 51

דער „דיבוק" 55

טעאַטער ביי קאַצעטלער 88

דער קאָנקורס 98

אין פּאַריז 107

אינעם „יִקוט"-טעאַטער 119

נאָכוואָרט 126

ביכער פון זעלבן מחבר:

מיין סטערצעוו

הקדמות: אברהם סוצקעווער

סט. וויגאָדזקי

אַן אַקטיאָר אין אוישוויץ

הקדמות: סט. וויגאָדזקי

לוי שאַליט